ליד מיט רויט־אַרמייאישן איז דאָך בעסטער צוזאָג פאַר שטאַרקן און גייסטיק־שאַפערישן נאָכקומענדיקן געזונטן דור!

אַן אַנטאָלאָגיע איז נישט אַ זאַמלונג פון יחידים פּאָעטן, ס׳איז אַ זעלבסט־שטענדיק בוך פון אַ באַשטימטער עפּאָכע־אָפּשניט, און מ׳קאָן דעריבער נישט אַרויסטראָגן דערפון אַ מיינונג איבער די באַטייליקטע — יעדער איינער איז משלים דאָס מנין, אַז ס׳זאָל ווערן אַ געהעריקער תפילה־בציבור.

און דאָס איז דאָס טראָפּעלע פרייד אין אונזער ברויזנדיקן טרויער, וואָס יעדעס בלעטל טראָגט אין זיך: עס איז די בשורה טובה, אַז די „גאָלדענע פּאַווע" אונזערע, אַריבערגעפלויגען אינם פרעמדען לאַנד איז נישט צו שאַנד געוואָרן, חלילה.

נעילה: זאָלן מיר יענע חברים מוחל זיין, וואָס איך האָב זייערע נע־מען נישט דערמאָנט, אָדער נישט ציטירט פון זייערע לידער, וואָרים איז דען מעגלעך אַ בוך פון קיין עין־הרע 432 זייטן אַלצדינג צו ציטירן; איז דען מעגלעך 50 נעמען פון יידישע פּאָעטן אַלע צו דערמאָנען אין אַ אויף־דער־שנעל אָנגעוואָרפענע רעצענזיע?

באמת, דאָ אויף דער פאַרוואָרפענער און פאַרוואָגלטער אינזל איז יעדער נייער נאָמען (און כמעט אַלע זיינען מיר ניי! פון קיין איינעם קיין בוך לידער נאָך נישט געזען . . . פון אַ יידישן פּאָעט האַרציק און טייער — כאָטש אַרויס־שניידן די אַלע שיינע 50 פּאָעטן פּאָרטרעטן פונם בוך און אויסקלעבן זיי אויף די נידריקע ווענטלעך פון מיין שטיבל, עס אַביסל היימלעכער צו מאַכן און היימישער . . .

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נכאמיטאגס

. . אין גרענד־פּאַלעי, קאַמערשעל רויד, א.1.—3 אַזייגער. . .

שבת דעם, 4־טן אויגוסט, געדענק־פייערונג נאָך שכנא עפשטיין. מ׳וועט רעדן איבער זיין טעטיקייט אַלס סעקרעטאַר פון אַנטי־פאַשיס־טישן קאָמיטעט, אַלס שרייבער און קריטיקער. משה עובד וועט רעדן אי־בער די „קליאַטשע" פון מענדעלע מוכר־ספרים.

שבת, דעם 11־טן, וועט בן־א. סאָכאַטשעווסקי מאַכן אַ סיום אויף זיין „למך השני". בעלקין וועט רעציטירן.

שבת, דעם 18־טן, וועט דער דראַמע־קרייז ביים יידישן קולטור־קלוב אויפפירן שלום אשס „מיטן שטראָם".

שבת דעם 25־טן וועט מ. מינדעל האַלטן אַ פאָרטראַג איבער די יידיש־וועלטלעכע שולע.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאַוועל סטריט, א.1.
**פרייז** -/1.



# 5 יאָר יידיש-העפטלעך

## I. די נויטיקייט פון א יידיש-ליטעראַרישן זשורנאַל

עס איז שוין געקומען די צייט, דאַכט זיך, אַז מיר זאָלן אָנשטרענגען אַלע אונזערע פאַראַנענע כוחות בכדי מיר זאָלן קאָנען אַרויסגעבן אַ יידיש־ליטעראַ־רישן חודש־זשורנאַל, וועלכער זאָל זיך דורכאויס אינטענסיוו אָפּגעבן מיט קול־טורעלע פראַגן, מיט קונסט און טעאַטער און בעיקר און אויסשליסלעך מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין אַלע אירע צווייגן; צו סטימולירן די פאָר צענדליק, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דער יידישער קולטור, זיי צוזאַ־מענהאַלטן, זיי צו אינטענסיוויזירן און צו פאַרדאָפּלען זייער צאָל אין אַן אַבסאָ־לוטער נויטווענדיקייט. קיינמאָל נישט ווי אַצינד, איז נויטיק דאָ אַן גייסטיקע עפנטלעכע מיינונג, אַן אַקטיוו־קריטישע און אַ זאַכלעכע, בכדי דאָס ביסעלע פאַראַנען געשאַפענע דאָ אין אָנגעשטרענגטער שווערער צייט, זאָל נישט באַ־נאַליזירט ווערן און פולשטענדיק צעשלעפּט ווערן און גיין אין ניוועץ. דאָס שרייען און געוואַלדען „שונד! פּלאַגיאַט! גראַפאָמאַנען!" גענוגנט נישט. אַ סך מאָל שרייט עס דער גנב אַליין בכדי מזאָל אים נישט כאַפּן ביי דער האַנד... אויב עס שאַפט זיך אַן עפנטלעכע מיינונג, אַן אָביעקטיווע, זאַכלעכע קריטיק איבער דעם ביסל עכטן געשאַפענעם און אַ פעסטקייט עס צו באַשיצן און באַ־היטן, הערט אויף יעדע געפאַר. וואָרעם וואָס איז דען פּלאַגיאַט און גראַפאָמאַניע עפּעס אַנדערש ווי יענע מייז און ראַטן, וואָס קריכן אַרויס פון די לעכער, ווען זיי דערשפּירן אַ פאָר געבליבענע ברייזעלעך, וועלכע ליגן אויף הפקר, זיסקייט וואָס זיינען נישט גוט באַשיצט, אַז זיי, די מייז און די ראַטן, כאַפּן זיך צו זיי צו צעגריזשען און צעפּיצלען עס, פאַרשלעפּן עס אין זייערע מייז-לעכער.

ביז צום איצטיקן קריג איז קיין צו גרויסע פאָדערונגען אויף אַזאַ מין אַרטיקל ווי אַ יידישער זשורנאַל אין לאָנדאָן נישט געווען. און די יחידים, וועלכע האָבן אים יאָ נויטיק געהאַט האָבן יוצא געווען מיטן יהי רצון: מיטן כסדרדיקן ריידן ווי נויטיק ס׳איז אַזאַ מין זאַך ווי אַ חודש זשורנאַל. אויך איז די טעגלעכע צייטונג דאָ נאָך דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ ביסל אַ העכערן ליטעראַרישן ניוואָ און איז אויך אַרויסגעגאַנגען אין אַ גרעסערן פאָרמאַט, און זי האָט זיך געניטיקט אין ערנסטע קריטישע אָפּהאַנדלונגען און אין קינסט־לערישע אָריגענעלע אַרבעטן

און אפילו דעמלט האָבן די פאָר לאָנדאָנער שרייבער, זיצנדיק אין אַ קאַפע ביי אַ טישל, חבריש שפּאַצירנדיק, רק באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם: אַ יידישער ליטעראַרישער זשורנאַל. זייער גאַנצע שרייבערישע תאוה האָט געשטעקט אין דעם איינעם וואָרט: „אַ זשורנאַלטשיק!" „זכרתי לך חסד נעוריך" — עס ליגט נאָך דער טעם אין מויל פון יענער גאָלדענער צייט פונעם „רענעסאַנס".

מיטן גרינדן פונעם „איקוף“ אין לאָנדאָן, זיינען דאָך פערטיק געוואָרן די צוויי גרעסטע זאַמל־ביכער „יידיש לאָנדאָן“—ווען נישט אַ גאָלדענע עפּאָכע, אַ זילבערנע איז עס זיכער געווען!

דאָס ערשטע יאָר פון קריג, וויפל מיר האָבן נישט געוואָלט וויטער אָנגיין דאָ מיט דער „איקוף“־אַרבעט איז עס נישט מער געלונגען. קיין „ציקוף“ אַרבעט איז אויך נישט ענטשטאַנען! אפנים, אַז בלויזע נעגאַציע פון יידישע קולטור־אַרבעט, דאָס אליין שוין איז געווען דער גענוגנדיקער און פולער פּראָגראַם פון די פּאַרטיילעכער־פּערזענלעכע, אָפענע און באַהאַלטענע קעגנער פונם „איקוף“ אין לאָנדאָן. פאַר אַ געטיילטע קולטור־טעטיקייט, ווי אין אַמעריקע, איז אין אונזער גייסטיק־אָרעמען ישוב זיכער קיין מעגלעכקייטן נישט פאַראַנען אַ פנים — און מיר זיינען געבליבן ביי באָרנישט: מיר איין אויג אויסגעשטאָכן, אַבי דיר ביידע אויגן!

צוויי שווערע יאָרן דעמלט געווען, די צוויי ערשטע יאָרן פון דער מלחמה, פאַר די יידישע שרייבער אין אַמעריקע. זיי די יידישע שרייבער האָבן פאַר זיך געהאַט אַ צעטומלטע צעריסענע עפנטלעכע מיינונג. און זיי, יוי שריפטשטעלער, ווי גייסטיקע טאָן־געבער, האָבן זיך געמוזט רעכענען מיט איר, מיט דער צעטומלטער צעריסענער עפנטלעכער מיינונג, און זיי זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט איר און טיילווייז אויך אָפּגעריסן געוואָרן און צעריסן.

דער יידישער ישוב דאָ איז געווען צופיל אונטער טומל פון ריכטיקן קריג דאָס ערשטע יאָר, און דאָס צווייטע יאָר שוין פון די פאַלנדיקע און אויפרייסנדיקע בליץ־באָמבעס, אַז מיר זאָל פּאָליטיש אַזוי צעריסן ווערן. און צווייטנס, אַ שוואַכע עפנטלעכע מיינונג, ווי דער פאַל איז מיט אונזער לאָנדאָנער יידישן ישוב, האָט אויך טיילמאָל זיין „גרויסע“ „מעלה“, ווייל דער „הלנו אתה אם לצרינו“ איז אַ גרויסע ענטשלוס־אָנשטרענגונג... אָבער ראַטעווענדיקע מלאכים באַווייזן זיך נישט קיין סך אויף אַזעלכע נישט־ענטשלוס־פּאַיקע פלעצער...

אַ יידישער שרייבער וועט זיך דיר דרייען, ביי איבערזעצער, אַליין ווערן אַן ענגלישער שרייבער, כלערליי באַרימטקייט־המצאות אויסקלערן, אַלע „שמד־שטיק“ קאַפּאַבל זיין אָנצוטון אַבי נאָר נישט צו ווערן אַ „שמש“ פון דער יידישער ליטעראַטור...

אָ, ווי קינדיש רינדיק איז זיך צו קאָנען אַרומטראָגן אַזוי דערהויבן שטאָלץ אין אונזער דערנידעריקטער צייט. ווי אָפטמאָל בין איך זיי מקנא מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַזאַ פאַרביטערטער ליבשאַפט אינם האַרץ אַלצדינג זיי מוחל צו זיין: אָ וואָלטן זיי נאָר די מעגלעכקייט געהאַט איין פּאַווע פעדערל ריכטיק צו פאַרשניצן און דאָס דיכטיקע בריוועלע אָנצושרייבן, וואָלטן זיי זיך נישט אַרומגעדרייט ווי די אויפגעבלאָזענע נאַרישע פּאַוועס... וואָלט מען זיי באַצירט מיט פרישע קרענץ, וואָלטן זיי נישט אַזוי געשטאָכן מיט זייערע אויסגעטריקנטע לאָרבער־בלעטער...

אָבער צוויי פרוון זיינען דאָך געמאַכט געוואָרן. אַ יאָר האָט מען גע־



פלאַנט. קאָמיטעטן געגרינדעט, אפיל־בריוו אַרויסגעשיקט און געבוירן איז אַן עופּעלע מיט אַ גרויסן וואַסער־קאָפּ: „אייראָפּע“. און די אויפלאַגע וואָלט מסתם אויך געבליבן ליגן אין די בוכהאַנדלונגען נישט פאַרקויפט, ווי דער פרווונומער „די פרייע טריבונע“, — אַ וויכטיקע אונטערנעמונג אויף גרויס־געשעפטלעכע יסודות... ווען „אייראָפּע“ וואָלט נישט פאַרשפּרייט געוואָרן און ווי נישט איז געדעקט די קאָסטן פון די חברים פונם „יידישן קולטור קלוב“.

פון דעם איז געדרונגען, אַז דער „אם אין אני לי מי לי“, דער ענוותדיקער הלל׳שער זאַץ איז נאָך אַלץ גילטיק ביז היינטיקן טאָג! ס׳איז דער יידישער שרייבער—אין קלענערע יידישע קבוצים, ווו פאַרלעגער, צייטונגען, אָרגאַניזאַציעס קאָנען נישט בכבוד אויפהאַלטן זייערע שרייבער און אויך זאָרגן פאַר זייערע שאַפונגען, — וועלכער מוז נישט נאָר שרייבן און רעדאַקטירן, נאָר אַליין אויך אָנגיין מיט דער פאַרשפּרייטונג פון יידישן געשריבענעם וואָרט. פאַרקויפן אַ חברים־זשורנאַל, פאַר דעם פרייז, וועלכער איז גענוי אָפּגעשריבן אויפן שער בלאַט, הייסט נישט „שנאָרן“ — פון שנאָרער ריידן מיר נישט. מיר ריידן פון שרייבער!

עס איז צו באַדויערן וואָס דער מצב פונם יידיש־שאַפנדיקן איז נישט נאָרמאַל ווי ביי אַלע קולטור־ פעלקער — דער מצב פונם יידישן פאָלק איז ליידער אויך אַן אַנדערער! און עס מוז זיין „עמי אנכי בצרה“ — — — די ערלעכע נישט געקינצלטע אומשטענדן פאַרן שאַפנדיקן, זיינען פונקט אַזוי נויטיק ווי זיין עכטער טאַלאַנט. זיך אַריינפּאַסנדיק אין די פאַראַנענע — ווי אָרעם זיי זאָלן נישט זיין! — מעגלעכקייטן פון זיין סביבה, לייכט דער אמתער טאַלאַנט אַרויס, ווי אַן איינגעפאַסטער דימענט אין עכטן גאָלד. די שכינה רוט דעמלט אויף אים, דער רוח־הקודש — — אַוועקגיין פונם פאָלק, פון זיינע מעגלעכקייטן און אומשטענדן — איז כרת! און דאָס שאַפן זייערס, — ווי אָפּגעטאָקט און צופּאָלירט און אויסקאָמבינירט! — קאָן עס סוף כל סוף נישט מער זיין ווי נעגאַציע. אינם פאָלק איז דער פאַרביטערסטער סאַרקאַסטישער מוכיח, דער נביא פון זיין אומה, פרעמד פון פאָלק איז דאָס געשאַפענע העכסטנס קלוגיטשקע רכילות־שרייבעריי. געניסעריש זיך שפּילן מיט חסרונות איז נישט קיין קינסטלערישע התגלות און קאָן קיינמאָל נישט קומען צו שעפערישע שלימות. דאָס אַלץ נאָר דרך אגב.

### פינף יאָר יידיש העפטל

מיטן היינטיקן סעפּטעמבער העפטל ווערט 5 יאָר זייט די העפטלעך דערשיינען. און יעדער דערשינענער נומער האָט זיין געשיכטע פון הינדערנישן און געוואַלדיקן אָנשטרענגונג איבער די כוחות — נישט נאָר איז דאָס שרייבן און רעדאַקטירן פאַרבונדן מיט „שעפערישקייט“, נאָר דער רעגלמעסיקער פאַרקויף טאָג איין טאָג אויס, אויף ליטעראַרישע־און קולטור־פאַרזאַמלונגען אין יידישן ווייטשעפּל.

אמת, „דאָס העפטל“ האָט נישט אַרויסגעברענגט קיין נייע טאַלאַנטן, אָבער געוועקט פאַרשלאָפענע כחות צו פרישע ליטעראַרישע אַרבעט, צו קולטור־טעטי־

קייט האָט ער אָן שום ספק, און דעם „קנאת סופרים תרבה חכמה“ קאָן מען זען אין די פּאָר צענדליק ביכער, קיין עין הרע, וואָס זיינען דאָ דערשינען אין די לעצטע פּאָר יאָר.

און וויפל מ׳זאָל נישט דיסקוטירן, צי די ברכה פון די יידישע ביכער איז באמת אַ מזל ברכה פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אָבער איינס איז זיכער, אַ סטאַטיסטישע זיכערקייט: אַז אויב ס׳וועלן זיין 100 געדרוקטע ביכער איז לכל הפחות, אַז איניקע וועלן בלייבן דער קנין פאַרן אוצר פון יידישן שאַפן — פון גאָר נישט בלייבט זיכער גאָרנישט!

אַלענפאַלס מיטן שלום אַצינד, ווען ס׳וואָלט באַלד דערלויבט זיין אַרויסצוגעבן אַ יידישן ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל — די העפטלעך האָבן געמוזט אָנגיין מיט יתרו׳ס נעמען, יעטוועדער נומער אַן אַנדער נאָמען, ווייל ס׳איז נישט דערלויבט געווען אין מלחמה־צייט אַרויסצוגעבן אַ נייעם זשורנאַל. — און מיט דעם שטיקל באַזיס, וואָס די העפטלעך האָבן מיט די 5 יאָר באַשאַפן, און מיט דעם שטיקל „יידיש לשון“־סביבה אַרום זיך, מיט דער אַקטיווער צוזאַמענאַרבעט פונם יידישן קולטור־קלוב, ווער שמועסט ערשט, אַז דער אַרבעטער־רינג און דאָס פאָלקס־הויז זאָלן זיך מיטבאַטייליקן, איז אָן שום ספק פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ פיינעם חודש־זשורנאַל, וואָס נישט נאָר ער זאָל זיך אַליין טראָגן און דעקן זיינע הוצאות, נאָר, אַז די שרייבער אונזערע דאָ זאָלן צוגעצויגן ווערן אַלס שטענדיקע מיטאַרבעטער און פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן.

מיר זיינען עס אַלע באַוואוסט, און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער עקזיסטענץ פאַר דער ווייטערדיקער ענטוויקלונג פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור מוז עס אַצינד פאַרווירקלעכן, אַז די וויכטיקייט פונם יידישן וואָרט בכלל זאָל זיין וויכטיקער ווי עפּעס „איקוף“־„ציקוף“ מחלוקעלעך, וועלכע זיינען נישט תמיד לשם שמים... אונזערע באַדינגונגען דאָ זיינען נישט ווי אין אַמעריקע, ווו ס׳איז מקום בראש צו האָבן צוויי זשורנאַלן. דאָ, אויב די כוחות וועלן זיך נאָך טיילן, וועלן עס נישט קלעקן צומאָל אויף אידיאָלאָגישן קאַמף — העכסטנס אויף פּערזענלעכע רייבונגען... און אויף פּאַרטייאישן באַוווסטן סאַבאָטאַזש — די יידישע קולטור בכלל צוצעשטערן.

און די נויטווענדיקייט פון אַזאַ ליטעראַרישן רעגעלמעסיקן חודש־זשורנאַל איז אַ פילזייטיקער! אַ חוץ די ליטעראַרישע פּובליקאַציעס און קונסט־רעפּראָדוקציעס, האַלט מען קודם מיט אַזאַ אָרגאַן דעם שוואַכן דופק פון אַ ישוב אין דער האַנט און דאָס קולטורעלע גייסטיקע לעבן פולסירט שטאַרקער און קאָנטראָלירטער.

למשל, איז פאַראַנען ביי אונז דאָ צוויי יידישע טעאַטערס, איינס אפילו אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון פאָלקס־הויז און יידן קוויקן זיך און פאַרכלינען זיך מיט „אַלעם־גוטן“... די שוישפּילער שרייען אפילו, אַז זיי ווילן, זיי וואָלטן ליבער געשפּילט בעסער טעאַטער, נאָר דאָס פּובליקום וויל נישט, די מאַסע קומט נישט — דאָס פאָלק וויל „האָפּקעס“!



איז די אויפגאַבע פון אַ זשורנאַל, וועלכער זאָל שאַפן אַרום זיך עפנטלעכע מיינונג, קלאָר צו מאַכן: ביידע „האָפּקע טעאַטערס“ מוזן זיך פאַראייניקן אין צוויי שותפות־טעאַטערן, איינס פאַרן ליבן פּובליקום און דאָס צווייטע זאָל שפּילן בעסער טעאַטער, מיט דער צייט וועט אפשר גאָר דאָס „בעסערע טעאַטער“ קאָנען אויסהאַלטן דאָס „שונד טעאַטער“ — מיר גלויבן דאָך אין אַזוינס, וואָס רופט זיך פאָלקס דערציאונג.

ולא יהא השונד קל בעיניך! מיינט נאָר נישט, אַז אַ גוט שטיקל שונד טויג שוין אינגאַנצן נישט — פאָלק האָט אַ גוטן געשמאַק; אויך די מעלאָדראַמע, דאָס ספּעקטאַקל, די אָפּערעטע קאָן דערגרייכן קינסטלערישע מדרגה, ווען מ׳מיידט אויס דאָס סענטימענטאַלע צוקערדיקע, דאָס מאַרק־און קאָסעשרייערישע — אַלענפאַלס צווישן געשמאַקלאָזער „קולטור“ - שרייערישער אויבערפלעכלעכער קונסט איז אַ גוט סערווירט שטיקעלע שונד זיכער בילכער.

צווייטנס, האָט דער אַרבעטער־רינג געהאַט אַ יידישע וועלטלעכע שול — מיט דער קינדער־עוואַקואַציע בשעת דער מלחמה האָט זי אויפגעהערט צו עקזיסטירן, — איז זי, די שול, געווען דער שטאָלץ פונם אַרבעטער־רינג, דער גייסטיקער מיטל־פּונקט און דאָס חיות פון דעם ביסל אַרבעטער אינטעליגענץ און באַליבט אין אַלע „בראַנטשעס“, און איז אויך די פרייד פונם יידישן ווייטשעפּל.

די מיטגלידער פונם אַרבעטער־רינג ווייסן עס אַלע, אַז די קינדער זייערע, וועלכע האָבן באַזוכט די שול איז נישט נאָר קענען זיי יידיש, זיינען זיי באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר זיי, אָט די דאָזיקע קינדער זייערע האָבן אויך דערגרייכט אַ העכערע גייסטיקע בילדונג אין זייערע ענגלישע שולעס. אַ פּנים, עס טוט גוט דעם קינדלעכן געמיט, אַ צוויי דריי שעה אין וואָך כאָטש צו זיין אַרומגערינגלט מיט אייגענער נאַטירלעכער היימישקייט, און שטאָלץ, באַווירקט פון אייגענעם איך און אייגענעם פאָלק.

אויך די בחורים אויף שלאַכט־פעלדער האָבן דערגרייכט, כמעט אַלע העכערע ראַנגען! דער אַרבעטער־רינג איז שטאָלץ אויף זיינע יידיש־וועלטלעכע שול־תלמידים.

מוז די שול ווידער געעפנט ווערן! און אויב ס׳איז שווער צוזאַמענצושטעלן אַצינד גענוג תלמידים בלויז פון מיטגלידער פון „רינג“ זאָל די וועלטלעכע שול, אונטערן פּראָטעקטאָראַט פונם אַרבעטער־רינג, ווערן דער מקום־מקלט פאַר אַלע ווייטשעפּעלער יידישע קינדער, וועלכע נויטיקן זיך אין אַ יידישער שול. עס ליגט אַן אחריות אויפן אַרבעטער־רינג אינם אָנבליק פון זיין גרויסן אָנזען אויף דער יידישע גאַס, און ווי אויך אַ חוב פאַר די גרויסע און הייליקע אַרבעט פון די ציש״א־שולן מיט וועלכע זי איז געווען באַטייליקט און פאַרבונדן.

און דער עיקר איז די געוואַלטיקע אויפגאַבע איצט פון אַ יידישן זשורנאַל, איצט אין דעם „שארית־הפליטה“־בהלה מאָמענט, צו דערמאָנען און אפילו קאָלט־בלוטיק צו וואָרענען, אַז וויפיל ס׳זאָל נישט געלונגען, — און הלואי

וואָס מער! — אַרויסצוראַטעווען מיט דער תציל־ממות געקלונג, ווען נאָך אַלץ צען מאָל אַזויפיל יידן בלייבן אין מזרח־איראָפּע אויף די ערטער ווו זיי געפינען זיך. איז די געוואַלטיקע אויפגאַבע פון אַ יידישן זשורנאַל צו שטיין אויף דער וואַך, צו מאָנען און פאָדערן זייערער קולטור הצתרכותן, וועקן דרך ארץ און ליבשאַפט צו זייערע גייסטיקע באַמיאונגען און שאַפונגען.

אמת, דער ברייט־פאַרצווייגטער בוים פון יידישן שאַפן איז אונטערגעהאַקט געוואָרן און פאַרטייען און פערזאָנען, ענטוישטע אין זייערע דערגרייכונגען, האָבן גרויס אינטערעס דעם צושאַנד געוואָרענעם עץ החיים אונזערן, זיינע צווייגן וואָס מער אַרומצופליקן און זיי צו פערוואָרפן ווי אָפּגעקלאַפּטע השענות...

מיר אָבער ווייסן, אַז ס׳וועט זיי נישט געלינגען! מיט זייערע פאַוויאַנעטע קברות בלעטער און ווילדע מענה לשונ׳ס וועלן זיי נישט פאַרשפּרייטן איין יידיש תהלים׳דיק פאָלקס־ליד. — פיש כאַפּט מען אין אַ מוטנעם טייך! נישט אין טרערן־קלאָרע רינענדע וואַסערן, וואָס באַנעצן דעם געבליבענעם וואָרצל פון אַן אונטערגעהאַקטן בוים, וועלכער האָט טויזנט יאָר זיך געוואָרצלט וואָס טיפער און טיפער.

און אַזאַ יידישער חודש־זשורנאַל זאָל אויך טאַקע עפּעס אַנדערש נישט זיין, ווי אַן אָפּגעבראָכן צווייגל די זלידנע פליגן דערמיט צו פאַרטרייבן, אַז מ׳זאָל דעם שוואַכן אָטעם קענען דערכאַפּן; נאָר אַ געבליבן וואָרצל־הערעלע, וואָס איז נישט געוואָרן אויסגעריסן.

## וו. די יידישע קאָנפערענצן אין לאָנדאָן

א מין לייט־אַרטיקל פעלעטאָן וואָס וואָלט זיך שוין געפּאַסט אפילו
פאַר אַ לייטישן זשורנאַל

אין אונזער מאָגערן העפטל, וואָס וויל זיך רק באַשעפטיקן מיט יידישע ליטעראַרישע ענינים און בעיקר בנוגע אונער אָרעם־שאָפנדיקן ישוב דאָ, איז לעצטנס אויך אָפּגעגעבן געוואָרן שוין צו פיל פלאַץ פאַר אַרטיקלען פון האַלב פאָליטישן כאַראַקטער, צומאָל פאַר אַזעלכע, וואָס זיינען נישט אין הסכם מיט אונזער „פּריינט פון יידיש לשון“־שיטה. מיר דריקן אפילו איצט אָן דעם אַרטיקל־פּאַמפלעט פונם באַקאַנטן שרייבער א. מ. פוקס, וועלכער איז שוין בפרוש אין אָפענעם קאַמף מיט יידיש, מיט „יידישיסטן“ אַזוי צו זאָגן... וועט דערפאַר אויך מיר דערלויבט זיין אָפּצודרוקן אַ מין לייט־אַרטיקל פעליטאָן, מיט וועלכן אַנדערש דענקענדיקע מענטשן וועלן אויך נישט אינגאַנצן מסכים זיין. אַ פנים, אפילו ביי אַן אומפּאַרטייאיש און אַ נישט זיך וויכטיק מאַכנדיק ליטעראַריש „העפטל“, אַז מ׳האָלט שוין ביי נומער 68, קאָן מען זיך דאָך נישט אַרויסדרייען פון „רעדאַקטאָריש“ אַלטעגלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן.

און סוף כל סוף איז דאָך אַ קאָנפערענץ פון אַ יידישער פּאַרטיי, וואָס אָרגאַניזאַטאָריש האָט זי שוין אָן שום ספק אַ שטאַטמענישן פאַרנעם! —



צו וועלכער דעלעגאַטן זיינען אָנגעקומען מכל תפוצות ישראל, — און ביי וואָסערע שוועריקייטן! — נישט מער קיין אַלטעגלעכער און קליינער פּאַרטיי פּריוואַטער ענין. עד כאן מיין התנצלות במקום הקדמה.

נאָכדעם ווי ס׳זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די גרויסע צערעמאָניעלע „ספּיטשעס“ פון די „ביג טרי“ אין ענגליש מיט אַ קאַפּיטשקע „היברו“ פאַר אַן עין הרע, אינם טאָג פון דער אָפיציעלער פתיחה פון דער קאָנפערענץ, האָט זי זיך ערשט אויף אַ ריכטיקן אמת אויפגעעפנט מיט רעפעראַטן, מיט זיצונגען, מיט דיסקוסיעס אויף „פּלעין“ יידיש... זיי, די „סייאָניסטן“, וועלן זיך מסתמא גאָר נישט קאָנען מוחל זיין, דאָס מאוסע שפּיצל, וואָס דאָס פּראַקטישע יידישע לעבן האָט זיי אַזוי גלותדיק אָפּגעשפּילט — אַזאַ בושה אין פּנים! לשנה הבא בה„קאָנגרעס“, וועט די „אָרגאַניזיישאָן“, מסתמא שוין זאָרגן פאַר אַ פּאַסיקן קאָנגרעס־ענגליש.

איך בין ב״ה די „גרויסע שפּיטשעס“ נישט געוועזן, ווייל ס׳גריילצט אין די אויערן, ווען מ׳הערט ווי ס׳רייסט זיך אַריין אַ פרעמדער אַקצענט אין אַ שפּראַך. איז טאַקע בעסער און געזינטער, אַז מ׳מיידט אויס און מ׳האַלט זיך פונדערווייטנס... וואָרעם נישט נאָר דע־קענט מען אַ קאַלאָמייער יידינע פון ווו זי קומט הערנדיק זי ריידן ענגליש, נאָר צומאָל ביי באַרימטע „ראַביים“ איז עס אויך נישט אַנדערש... און ס׳שלאָגט צום האַרצן. און דאָס יידישע „ווערטל“, מישטיינסגעזאָגט, דעם נזם זהב, וואָס זיי וואַרפן אַריין תמיד אין זייערע דרשהדיקע „שפּיטשעס“ איז עס דאָך נאָר, אַז דאָס פאָלק זאָל אַ שמייכל טון פון זייער טיפער חכמה...

און אַז פּראָפעסאָר ווייצמאַן איז פון מאָטעלע ווייסט מען דאָך! זאָלן זיי מיר מוחל זיין די אַלע זייער חשובע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, וואָס אין פאָלקלאָריסטישע פאָלקס אידיאָם איז ביי מיר חשיבותדיקער ווי זייער גאַנצע געלערנטקייט.

בין איך גראָד אַריינגעפאַלן צו דער פּאָליטישער רעדע פון שערטאָקן (אין טאָג ווען די ערשטע שליחים פון פּוילן זיינען אָנגעקומען), אויך ער נעבעך, האָט געמוזט רעדן אין יידיש — אַ צער בעלי חיים!

אַפנים אַז אַ גאַנצער יורן בין איך דאָך נישט, ווייל דאָס האַרץ האָט חיי געטון פון אַזאַ אויסגעפירטע פּאָליטיק, געפירט אינם נאָמען פונם יידישן פאָלק — פון אַזאַ אויפגעבלאָזענע נעבעכדיקייט! מיט ביידע הענט האָב איך געמוזט צוהאַלטן דאָס צאַנקנדיקע האַרץ, אַז ס׳זאָל נישט אויסגעבלאָזן ווערן.

און די שפּראַכלעכע פּאָלירטקייט און שאַרמאַנטע ראַפינירטקייט פון אַ דיפּלאָמאַט פון פאַרמאַט — — טויזנט חנ׳ען האָט געהאַט זיין חנדלען זיך, ווען ער האָט זיך באַמיט נעבעך אַרויסצובאַקומען אַ פאַרגעסענעם יידישן אויסדרוק... און די שלשלתדיקע דייטשמערישע האַרטע למד און נישט יידישער ווייכער כאָ, און בכלל דער גאַנצער „קאָנגרעס־דייטשער“־אויפבוי פון יעדן זאַץ — כצפּיחת בדבש! און ווי מ׳האָט דאָס פונם דעליקאַטן־פּובליקום מיט התפעלות צוגעוואָרפן די ריכטיקע יידישע איבערזעצונג פון אַ העברעאיש,

אדער אן ענגליש ווארט — ממש צו א פרימאדאנע אויף דער בינע!

ניין, דאס איז נישט מער בטלנישער בטול צו יידיש און נישט צומאל שנאה — דאס איז דענדישער שונד צוגעשניטן אויף אריענטאליש. דאס איז חוזק פון זיך אליין! און מיט אזא פאיאצעווען איז א וואונדער, אזא פאליטיק!

אז אזא פאליטיש־לאנגווייליקע, שפראכלעך־צעקאלעטשעטע רעדע דויערט איבער דריי שעה האט מען צייט פאר טראכטעניש: ממה נפשך, איז דער דאזיקער רעדנער נישט פעאיק זיך אויסצולערנען די שפראך פון די מיליאנען, וועלכע ער זאל און וויל פארטרעטן, טא ווי אזוי קאן אזא פארשוין פעאיק זיין צו פאדערן זייערע פאדערונגען און האבן דעם גייסטיקן כוח אלע שטרויכלענישן בייצוקומען? אלא מה. עס לוינט זיך אים נישט אויסצולערנען די שפלע שפראך פון די מינדערווערטיקע, טא וואס קאן שוין העלפן דעמלט. וואס ראביי ווייס האט רוזוועלטן אין איין וועסטל־טעשל און טרומאנען א צינד מסתם שוין אין צווייטן, און וואס קאנען שוין העלפן די אלע „חסידי אומות העולם" פונם פריערדיקן ענגלישן פארליאמענט, וועלכע האבן זיך אויפגעשטעלט מיט פארבויגענע קעפ פארן צער פון בייבל פאלק און דער היינטיקער „סאציאליסטישער", וועלכן לאקער האט אין זיין בוזעם קעשענע, שוין מסתם? וואס קאנען העלפן די אלע שול־קלאפערס און מיניסטער קאבינעטישע טירן, צו דערוועקן א פונק רחמנות, א טראפעלע געפיל, א ברעקעלע יושר פאר זייערע דערדריקטע באליידיקטע ברידער, ווען זייער אייגענער דיפלאמאט, זייער אייגענער ראש־בריוני שטייט מיט אזא זלזול און גרינשעצונג צו זיין אייגן גאלוס־פאלק? זיין שפראך קארעקט (קארעקטקייט איז דאך דער ערשטער שריט פון א דיפלאמאט!) זיך אויסצולערנען לוינט זיך אים נישט אפילו!

וואס איינעם וווּנדערט יא איז, פארוואס האט מען אים נישט די רעדע איבערגעזעצט, ער זאל זי ארויסלייענען פונם פאפיר. דאס איז דאך ווייניקסטנס מעגלעך געווען, — איז דאך די העברעאישע סטראפע גוט איבערגעזעצט פון רובאשאוון, ציטירט אין דער לאנגווייליקער און צעקאלעטשעטע־רעדע, געווען דאס איינציקע, וועלכעס האט געקלונגען שיין און איבערצייגנדיק. — הייסט עס דאך, אז צווישן די דעלעגאטן זיינען פאראנען מענטשן וואס האבן א גוטן חוש פאר שפראך, נישט נאר בלויז פאר גרילצענדיקעס...

אויף דער קאנפערענץ גייט נאך אן אלץ די מחלוקה צווישן די דעלעגאטן, צי מ'זאל פאדערן אצינד א יידישן שטאט, — מאדנע, וואס דווקא די שטאאטמענער" זיינען גראד דאקעגן!.. — אבער בעלנים אויף קלאמקע קוועטשערס פאר די טירן פון די קומנדיקע יידישע מיניסטארן זיינען שוין פאראן לרוב — דער ארטיקל פון קאלעגע פוקס איז נאר אזא געראטענע פראבע! אזא הענגל מיט זויערע ווייַנטרויבן... עס איז לגמרי נישט פיקסיש קלוג, אז א טאלאנטירטע יידיש־שרייבנדיקע האנט זאל זיך לאזן צעקוועטשן אין א טיר שפאלט פון אן „ערב"־מיניסטער־קאבינעט. דאס איז אלענפאלס א פערזענלעכע מיינונג פון א גוט־מיינענדיקן קאלעגע.



און באמת דער לאנדאנער „יידישער זשורנאליסטן און שרייבער פאראיין" האט אויך זייער „קלוג" געטון און נישט אריינגעטראגן א פראטעסט, איבערן בן־גוריון־סקאנדאל, ווי דער „פרץ־שרייבער־פאראיין" אין אמעריקע האט עס נויטיק געהאט צו טון. די ציוניסטישע קאנפערענץ דא אין לאנדאן, איז דער גרעסטער פראטעסט: ווארעם, אז די שונאי־יידיש אפילו (און אויף דער קאנפערענץ האבן זיך געפונען א שפאר ביסל פון דעם סארט!) בכדי זיי זאלן זיך קאנען צונויפריידן האבן קיין אנדער ברירה נישט געהאט ווי זיך צו „באנוצן" מיט יידיש. און דאס איז דאך אייגנטלעך די איינציקע אויפגאבע פון א שפראך: זיך צונויפצוריידן! און וועט קומען א מאל צו דעם, און אויף אן איינפאכן יידישלעכן אופן? און אם לאו, זאלן זיי, די קעגנער פון יידיש אמווייניקסטן וויסן, דאס וואס א מאמע לערנט א קינד נאך איידער ס'קאן ריידן: „נישט צו שפייען אין דער שיסל פון וועלכער ער עסט".

* * *

און אויב די ציוניסטישע וועלט־קאנפערענץ אין לאנדאן איז געווען דער צוזאמענקום פונם יידישן לארדן־הויז — און באמת אזעלכע גייסטיק־געאיידלטע צורות פון א ווייצמאן, און ווייז און די כאראקטער פנימער פון א בן־גוריון און זרובבל וועט שווער זיין צו געפינען אפילו אינם ענגלישן לארד־הויז! — איז די וועלט־פאנפערענץ פונם יידישן וועלט־קאנגרעס אין לאנדאן געווען דער יידישער פארלאמענט. און אויך ווייל אין געוויסע קולטורעלע ענינים שטיאן מיר „פריינט פון יידישן לשון", דעם יידישן „וועלט קאנגרעס", האבן מיר שוין געהאט אן אינטערעס ביי־צוזיין אייניקע זיצונגען, בפרט נאכדעם ווי ס'איז אנגעקומען די פוילישע דעלעגאציע.

יא, עס איז דורכאוים ריכטיק, אז מ'קאן נישט פארגלייכן די עמיגראציע נאך אמעריקע, מיטן פארן נאך ארץ ישראל! ארץ ישראל איז אצינד דער „שמנם וסלתם" פונם נאציאנאלן און גייסטלעכן יידנטום, — בשעת אונזערע לעבעדיקע מאמעס פלעגן ארייַנוואַרפן פאר ליכט־בענטשן אין „מאיר בעל נס" פושקע, האבן זיי אויך דעמלט חלה גענומען — און די אראפגענומענע „חלה" פון זייער לייב און לעבן זיינען דאס די חלוצים, וואס בעארבעטן די ערד אצינד אין ארץ ישראל.

און דאס שטיקל ערד וואס איז דאך אויך געהייליקט פון אונזערע ערשטע טריט איבערן כדור הארץ, פון אונזערע אבות און נביאים, פון די העלדן און קדושים פון אונזער אור־געשיכטע. יא, ארץ ישראל איז נישט בחינם „דאס ווינקעלע פון די רעליגיעס". עס איז דאך דארטן געשאפן געווארן דאס אייביקע וויגליד פון דער מענטשלעכער נשמה — דער תנך.

מ'קאן אבער אויך נישט פארגלייכן די אלע אנדערע לענדער, ווו יידן וווינען, ווו יידן אסימילירן זיך — צו פוילן!

„שעל נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו קודש הוא". א שטיקל ערד ווו 6 מיליאן קדושים יידן, ווו 6 מיליאן ברידער פון גאנץ מזרח אייראפע איז צוזאמען געטריבן געווארן, אויסגעקוילעט צו ווערן, איז הייליק.

ניסט פויליש איז מער דאָס שטיקל ערד, נישט סלאַוויש — עס איז דער מיטל־פּונקט פון דער וועלט! עס איז דער ברענענדיקער מזבח ווו דער בראַנד־אָפּער איז אָנגענומען געוואָרן פאַר דער גאולה פונם מענטש.

און אונזערע שאַפונגען, אויף דעם אייראָפּעאישן שטיקל ערד, אָנגעהויבן פון אונזערע תלמיד-גאונים און קבלה און חסידים־מיסטיקער און אויסלאָזנדיק מיט אונזערע פאָלקס־לידער און מיט אונזערע מאָדערנע שאַפער און קינסטלער, באמת, עס איז נישט אַ סך ווייניקער ווי דאָס שאַפן אונזערס אינם אָריענט.

ווי צו דיר אייראָפּע, ווען דאָס זאָל זיין דאָס טויטן-ליד פונם אָקסידענט, און די מיליאָנען אונזערע קדושים און די סקעלעטן-און טויטן־ביינער קופּעס אונזערע, זאָלן דאָס זיין דיינע פּיראַמידן וואָס וועלן איבעריק בלייבן נאָך דיר וואָרעם אונזערע שאַפונגען אין אייראָפּע קאָנען שוין נישט צעפלויגן ווערן ווי פּלעוועס אין ווינד, ווייל זיי זיינען אָנגעזאַפּט מיט אונזער אומזיסט פאַרגאָסענעם בלוט און זיי וועלן בלייבן לזכרון נצח!

און מיר פאַרטרויען די פאָרשטייער פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס; מיר פאַרטרויען דעם אינסטינקט פון יידיש גייסטיקע מענטשן, אַז זיי וויסן דאָס די טאָטאַליטעט פון יידישע גייסטיקייט און שעפערישקייט איז די גאַראַנטיע און זיכערקייט פון אונזער עקזיסטענץ און נצח׳דיקייט מער ווי יעדע אויסערע פּאָליטישקייט און בלויזע אָרגאַניזאַציע־מעכטיקייט. און על תנאי זה זיינען מיר ווייטער אָנגעשלאָסן אין דער יידיש-קולטורעלער אַרבעט, וואָס זי איז בדעה אַצינד אָנצוהויבן פּראַקטיש אדורכצופירן אין יידישן לעבן. וועט עס אָבער נאָר זיין בלויז פּראָפּאַגאַנדע טומל מכוח עפּעס אַ חלוקה־מחלוקה׳לעך אָדער צו פאַרשלעפּן אַ צעטומלטע פּאָליטישע סיטואַציע — — עס איז דאָך אַ פעלעטאָניסטישער לייט-אַרטיקל! קאָן עס דאָך בכל אופן נישט אָפּגעשלאָסן ווערן אַזוי פּאַטעטיש און ערנסט, אַזוי לייט־אַרטיקלדיק, וועל איך עס אויסלאָזן בכי-טוב — פעלעטאָניסטיש!

יאָ מ׳קאָן, נישט נאָר די ערד, דאָס לאַנד, נאָר מ׳קען אויך נישט פאַרגלייכן די דעלעגאַטן אין זייערע רעדעס. ווען דער ראַבינישדיקער און שוועדישער רעדנער האָט געפּרעדיקט „שוויייצאַריש" און פאַרלאַנגט מיט טרערן אין זיין טרימילירנדיקע שטימע נעבעך: „די וועלט־קאָנפערענץ זאָל אונטערשטיצן די שוועדישע יידן, וועלכע ליידן נעבעך יעצט פון די אַריבערגעראַטעוועטע יתומים — עס איז שוין באמת צייט, יעצט, ווען די אַטאָמיסטישע געפאַר הענגט שוין אויך איבערן שוועדישן יידנטום!"... איך האָב גרויס מיטגעפיל דעמלט געהאַט מיט ראַביי ווייס און אַ גרויס רחמנות צו אים, ווי ער האָט זיך געטאַפּט ביי דער גאָמבע, צי שפּראַצט אים שוין אַליין נישט אַרויס אַ פראַנקפורטער בערדעלע ווי זיין צעפּרעדיקטן יידישן קאָלעגע... דערפאַר האָט פון זיינע אויגן אַרויסגעלויכטן זיין באַרוף און יידישער שטאָלץ, ווען רבי כאַהאַנע, דער יידישער „טשאַפּלען" פון דער פּוילישער אַרמיי, יעצט קומנדיק פון פּוילן — נאָר אַזוי אָן יעדן געקינצלט סענטימענט, עכט



און ערלעך קאָן רעדן אַ שפּראַך פון יידישע רבנים אין פּוילן וואָס איז באַזאָרגט פאַר רעליגיעזן יידישער טראַדיציע, אפילו ווען ער גייט אָנגעטון אין אָפּיצערסקע בגדים.

און דאַרף איך נאָך דערציילן, אַז חבר מירסקי פון דער פּוילישער דעלעגאַציע, איז געוועזן די אַקס אַרום וועלכע די גאַנצע קאָנפערענץ האָט זיך גענומען דרייען (מאַנכע אינם זאָל האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן!...) פון דעם מאָמענט, ווען ער איז אַרויס מיט זיין האַמעטנעם רעפעראַט. נאָך די דערנידריקונג פון אונזער פאָלק, אַז זיינע זין קאָנען זיך אַזוי דערהויבן—„אויב נישט נאָך העכער"!

פון דעם מאָמענט ווען דר. פרידמאַן האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון דער קולטור-היסטאָרישער סעקציע? — עס גייט מיר יעצט נאָך אַ סקרוך דורך די ביינער בלויז פון דער קאַלטקייט פון זיין קול, בשעת לייענען דעם קלאָרן און זאַכלעכן באַריכט — — — און איך וויל דאָך נישט אָפּשליסן דעם פעלעטאָניסטישן לייט־אַרטיקל פּאַטעטיש ערנסט.

## פאַר דער דעלעגאַציע פון די פּוילישע יידן

I.

אַ מתנה פאַר דר. רחל אויערבאַך און דר. פיליפּ פרידמאַן

ניסט פון דעם וואָס געשען, פון דעם גרויליקן,
נישט פון דעם דערציילטן איצט פון די דערציילער —
אַזאַ קאַלטער שוידער ס׳גייט איבער מיין לייב,
פון דעם קילן שמייכל אַרום זייערע מיילער,

און פון דעם קרירהדיקן אייז־געגליווער —
דערשראָקן באַהאַלטן טיף אין זייערע בליקן;
די שטימען זייערע — פון אַנטלאָפענע,
פון די גאַז־קאַמערן מיטן אין דערשטיקן — — — — — — — —

ס׳איז פון אים, פון דעם אַצינד וואָס דערציילט עס,
פונם צי פון זיין שפּיציקן עלנבויגן, —
פון דעם כסדרדיקן צאַפּלדיקן צי! —
די שטעכיקע טרער איצט אין מיינע אויגן;

נישט פון די ווערטער, נישט פון דעם וואָס איך הער —
איך לייען פון די טונקלע שורות אין זיין שטערן!
טיף איינגעשניטענע מיט שאַרפע מעסערס,
לעצטע געשרייען קיינמאָל נישט אויפצוהערן — — — — — — —



זר. רחל אויערבאַך (געצייכנט פון מאָריס סאָכאַטשעווסקי)





דר. פּיליפּ פרידמאַן (געצייכנט פון מאָריס סאָכאַטשעווסקי).

## אַ גרוס פון דאַ מיטצונעמען

II.

אַ מתנה פאַר פרוי דר. בערמאַן און חבר מירסקי.

איר דאָרטן, אינדערהיים געבליבענע,
פעסט־פאַרוואָרצלטע, נישט איבערצוקערן
אַ צעצווייגטן שטאַם מ׳קאָן אונטערהאַקן,
דעם פניאָק — די שאַרפסטע האַק שטומפּיק וועט ווערן !

און ווי טיף די וואָרצלען ציען זיך דאָס,
דעם פינסטערן תוהם שוין אויסצוזייגן,
און אָנגעזאָפּטע אַזוי זיי וועלן —
אין אַ ליכטיקן קרעלן־שטאַם צעצווייגן.

וויי צו דער פוילן־לאַנד און וויי צו אונז,
ווען דער וואָרצל חלילה ווערט אויסגעגראָבן,
אַ זאַמד־בערגל וועסט דו זיך צעשיטן,
וואָס פעסט האַלטן ס׳זאָל דיך, וועסט מער נישט האָבן.

און מיר דאָ — צעפלאָשעטע מוראַוועס,
ווילדע צעלאָפענע אין אַלדי־העקן — — —
וואָרים וואָס איז דען אַ צעצווייגטער בוים,
אָן וואָרצלען אין טיפענישן צו שטרעקן ?

א. נ. שטענצל

### א. מ. פוקס

## ארץ ישראל און יידיש

וועגן דעם פראָטעסט פון די אמעריקאנער יידישע שרייבער
קעגן דוד בן גוריון.

דער גאַנצער ענין איז נישט מער ווי אַ גראָטעסק. אָבער אין אונזערע היינטיקע פינצטערע חורבן טעג באַקומט אַלצדינג אין יידישן לעבן אַ ביטער ערנסט פנים מיט אַ גריילאַכן מוסר השכל. אפשר איז עס געשיכטלעך געווען אַזוי, אַז די דערשיטערונג און פיין פון אַ גזרה פון אַ אויסגעשטאַנענער גזרה האָט געווירקט און געשטאַרקט דאָס אינערלעכן לעבן פון די ניצול־געוואָרענע און איבערגעבליבענע יידן. דאָס איז געווען אין מהות פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזן און עטישן קיום געראַנגל פון די דורות. היינט אָבער, בעת אונזער גרעסטער געשיכטלעכער טראַגעדיע, זענען דאָ טרויעריקע דער־



שיינונגען וואָס ווייזן אָן דעם היפּך פון דער ווירקונג, דהיינו, אַ אָפּשוואַכונג אין לעבן כלפּי פנים.

זיכער איז דער משונה־ווילדער אופן און מאָס פון אונזער היינטיקן יידישן חורבן אַזאַ, אַז עס זענען אונטערגעהאַקט געוואָרן אַלע באַדינגונגען פון דער טראַגעדיע פון די אַלטע צייטן. דאָס איז אויך די סיבה פון דער אינערלעכער צעריסנקייט און אויסערע אָפּגעריסנקייט פון די איבערנעבליבענע יידישע ישובים (חוץ דער ישוב ארץ ישראל). ווייל דער קוואַל פונעם יידישן גלות לעבן איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט די בערג פון די מיליאָנען אומגעבראַכטע קרבנות; פאַרשטאָפּט געוואָרן מיטן געביין פון די מאַסן קברים. דער גרויסער טויט שפּרייט די וויסטע קעלט פונעם ריזיקן בית הקברות, מיט אַלע ווינטן. דאָס מוראַדיקע געשען איז געווען אַזוי גרינטלעך אין זיין בלוטיקן פאַרנעם פון אויסראָטונג, אַז ס׳האָט אויסגעברענט דעם באָדן ביז צום תהום, אַז ס׳איז גאָר נישטאָ מער און סקאָן קיינמאָל שוין מער גאָר נישט וואַקסן אויף דעם, גאָר נישט מער געבויט ווערן, נישט אין מאַטעריעלן און נאָך ווייניקער אין גייסטיקן זינען.

אָט דאָס איז די גורל־לאַסט פון אונזער טראַגישן דור, די געשיכטלעכע ווענדונג פונעם יידישן גלות־לעבן וואָס האָט זיך אין דורותדיקע מאַרטירפיינען און אין גרויסן טויט אויפגעלעזט.

נאָר אין דעם אָפּגרונט פון גלות־אומקום איז דאָ אַ אונטערשייד פון ניינעבווירענעם יידישן פאָלקסלעבן. עס איז דאָס וואונדער פון ארץ ישראל, דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער אַנטשייד פון קיום האומה.

ציון איז נישט מער קיין בלויזע אידייע, קיין אויסגעחלומטע בענקשאַפט פון דורות, נאָר אַ רעאַלער תוכן פון באַנייטן, אויפגעבליטן, יידישן לעבן, אידיעאַל און פּראַקטיש איינגעוואָרצלט אין היסטאָריש־נאַציאָנאַלער אייגנקייט פון לאַנד, פאָלק און לשון, שטאַרק געקניפּט און געבונדן אָן די טראַדיציעס פון אַ גרויסער ירושה און דעריבער געזיכערט מיט אַ צוקונפט. נישט אַלע יידן מחוץ לארץ זענען היינט מסוגל צו באַנעמען דאָס דאָזיקע וועלט־היסטאָרישע וואונדער, דעם מקוים געוואָרענעם חלום פון צוויי טויזנט יאָריקער גאולה שטרעבונג. דער וואָרעם איז צופיל איינגעפרעסן אין כריין. דער דור המדבר איז צופיל טעמפּ און פאַרטריקנט צו דערקענען די גרויסקייט פון דעם געשען. זיכער, מיר מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס. עס איז נישט די צייט ווען עס קומען משיחים. עס איז די צייט ווען עס קומען היטלערס. עס איז די צייט ווען פעלקער מוזן קעמפן מיט די ציין און נעגל פאַר זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און לאַנד־באַזיץ. יידן האָבן מער שונאים אין דער וועלט און צווישן זיך ווי אַנדערע פעלקער. די יידן וועלן האָבן מער און שווערער צו קעמפן כלפּי חוץ און כלפּי פנים, פאַרן נאַציאָנאַלן קיום. אפילו ביי די בעסטע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן. ס׳איז אָבער דער עטישער כח פון גלויבן און עול החיים, די גייסטיקע מאַכט פון אַלטן קולטור־פאָלק ישראל וואָס דערהויבט זיך פון דורותדיקן גלות־

טונקלקייט און טרעט אריין אין וועלט־ליכט פון באנייט געשיכטלעכן לעבן. ביי א פרעמד פאָלק וואָלט איך געמוזט באוואונדערן און ליב האָבן די גרויסע מאָראַל־קראַפט און שיינקייט פון דעם געשען, א פשיטה נאָך ביי אייגענעם פאָלק. דער פאַקט וואָס איך און מיין גלייכן, פאַרלוירן אין דערלייזונגבענקשאַפט מוזען דערוויייל זיין דערווייטערט פון אקטיוון אָנטייל טאַקע אויפן אָרט פון דעם וואונדער פון באנייטן, זיך בויענדיקן יידישן לעבן און אייגנקייט, איז אודאי ביטער.

* * *

דעריבער מוזן די הענט פון די בויערס געשטאַרקט ווערן און איעדער ייד מוז בלב ונפש זיין באהאָפטן מיט דעם נאָטגעבענטשטן ווערק. נאָר סאיז נישט אזוי. איגנאָראַנץ און פחדנות, פאַרטיי־רייסעניש און בייסעניש, און עפעס א מין ווילדער אונזין פון קבצנישן וועלט־פאַרזאָרגער גראָבן אונטער די אויפבוי־אַרבעט, יאָ דעם יסוד פון ארץ ישראל. עס איז אמת, אז דאָס זאמד — סיי פון וואוילטאָג, סיי פון פחדנות־צביעות וואָס די גייסטלאָזע ווידערשפעניקייט האַלטן אין איין שיטן — פאַלט אין די אייגענע אויגן. די צרה אָבער איז וואָס אין זייער פאַרבלענדונג שלעפן זיי מיט אין אָפגרונט פון פאַרלוירנקייט אַסך, אסך אָבגענאַרטע וואָס קענען זיך נאָך אַליין נישט באַפרייען פון דער פאַטאַלער גלות־פסיכיק.

א וואָסער מאָראַלן צי אידייאָלאָגישן באָדן און זין האָט למשל נאָך היינט, נאָכן מוראדיקן חורבן פון אייראָפעאישן יידנטום, ווען אַלץ מיט אנאַנדער איז, צו אונזער גרויסן בראָך, אוועק מיטן פייער און רויך. פון דער „ליקווידירונג", „אזא מין ענין ווי „יידישיזם", „שפראַכן־פראַגע" שפראַכן־קאַמף" א.אז.וו. ? אָט דער גייסטלאָזער שטרייט אין דער יידישער גאַס האָט שוין פריער, אין די אַלטע גוטע צייטן, געהאַט דעם זיבעטן חן, בפרט נאָך היינט . . .

יידיש איז געווען א ברכה, א נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דורותדיקער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט אין זיין גייסטיקער שאַפונג געשפייזט און קולטורעל דערהויבן די אָבגעשטאַנענע פאָלקס־מאַסן אין די גלות־לענדער, א עברי־טייטש וואָס האָט פאַרמיטלט און געפילמעסיק ארויסגעזאָגט דעם געניאַלן גייסטיקן תוכן פון דער אַלטער עברי און דאַמיט געשטאַרקט און פאַרבונדן די פאָלקס נשמה מיטן לעבעדיקן וואָרט און געשאַפן די יידישע ליטעראַטור. דאָס איז געווען די היסטאָרישע, אינערלעכע שליחות פון יידיש.

דער יידישיזם אָבער וואָס האָט זיך אין זיין ריין מאַטעריעלן פאַרטייפּאָליטישן ציל אָריענטירט אויף דער פאַלשער אידייאָלאָגיע פון גלות־לעבן ווי א נעדציל, איז געווען און פאַרבליבן אַן אנאַכראָניזם, א גלגול פון דער אסימילאַציע של מטה. ער האָט אָנגעאַרבעט א צרה אין דער יידישער גאַס.

ער האָט באַקעמפט און געשעדיקט העברעאיש און די ציון־באַוועגונג, אָבגעריסן און אָבגעפרעמדט פאָלקס־מאַסן פון דער נאַציאָנאַלער אייניקייט



און גייסטיקער טראַדיציע, געפעדערט פסיידאָ־אינטעליגענץ, אָנגעפּלאָדזעטבערג מיט ליטעראַרישן שאַבלאָן און ווערטלאָזן געטינטיל פון א חוצפהדיקער גראַפאָמאַניע, געטיפט א שנאהדיקע מחיצה צווישן יידישן און העברעאישן גייסטיקן שאַפן וואָס פון מקור און תוכן איז עס א אייניקייט, דער וואָרט אויסדרוק פון דער יידישער נשמה. נאָר אין זיין פאַרדאַרבווירקונג איז דער יידישיזם פאָרט פאַרבליבן באַשרענקט אויפן לאָקאַלן שטח. אין ארץ ישראל גופא האָט ער נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן קיין שליטה. אין ארץ ישראל איז דאָ היינט א פּאָזיטיווע באַציאונג צו די גייסטיקע ווערטן פון דער יידישער ליטעראַטור. עס איז א נאַטירלעכע דערשיינונג אין מהות פון א נאָרמאַלן און געזונט־נאַציאָנאַל־יידישן לעבן וואָס נעמט אויף אין זיך אַלע שאַפונגען פונעם פאָלקס־געניוס און אַבסאָרבירט דאָס אין דער איבערזעצונג פון דער נאַציאָנאַל־שפראַך.

אָבער דעם פרעמד־קערפּער פון „יידישיזם" באַדאַרף מען נישט אין ארץ ישראל.

היינט, האָט פּלוצים „דערוואַכט" די „שפראַכן־פראַגע". דער יידישיזם האָט געביטן זיין „סטראַטעגיע" און גרייפט אָן די פעסטונג פון אינערווייניק דעם ישוב ארץ ישראל גופא.

זיין דאָמען איז היינט אַמעריקע, וואו א מאַסע יידן פון עלטערן אימיגראַנטן־דור לעבט זיך נאָך אויס אין דער יידישער שפראַך און קולטור. ער פאָדערט, מיטן רחמנות פנים פון כלומרשט גערודפטן צדיק, די פאַרשפרייטונג פון יידיש אין ארץ ישראל מיט „אַלע פראַקטישע אויספירן דערפון".

דאָס הייסט דאָך זיכער אריינצוטראָגן אין ארץ ישראל דעם שעדלעכן שפראַכן־קאַמף יידיש־העברעאיש דאָרט וואו דאָס וואונדער פון באנייטן נאָרמאַלן נאַציאָנאַל־יידישן לעבן איז אויסגעבויט און בויט זיך אויף דער הערשענדער נאַציאָנאַלער שפראַך — העברעאיש ! און מיט וועלכער מאָראַלישער רעכט שטעלן די אמעריקאַנער יידישיסטן די דאָזיקע פאָדערונג ? — באשר בכן זאָגן זיי : „מיט ליבשאַפט און מיט האָפענונג קוקן מיר אויף דעם אויפטו פון אונזער פאָלק אין דעם יידישן לאַנד." טאַקע באמת ? פון בלויזן „קוקן" האָט מען דאָס אזא רעכט צו קומען צום גרייטן וואָס אַנדערע האָבן מיט אידיאַליזם, מיה און אַרבעט און קרבנות אויפגעבויט במשך פון באַלד א יאָרהונדערט ? אָט דאָס הייסט, מילד גערעדט, א חשק !

עס איז א טרויעריקער אמת, אז זינט פון דעם חורבן אייראָפּע האָט זיך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אינערלעך איינגאַנצן איזאָלירט פון אַלע אַנדערע יידישע ישובים און בפרט נאָך די יידיש־ריינדיקע יידן. נאָר פונדעסטוועגן קאָן די דאָרטיקע יידיש־ליטעראַרישע וועלט פאָרט נאָך נישט זיין אזוי אָבגעריסן און דערווייטערט, אז זיי זאָלן נישט ווייסן ווי עס האַלט מיטן יידישן לעבן אין דער וועלט. וואו לעבן זיי, אויף דער לבנה ? ווייסן זיי באמת נישט, אז ארץ־ישראל איז די איינציקע יידישע האָפענונג אוף א

צוקונפט און אז ארץ ישראל און העברעאיש איז א איינקייט? אויב זיי אליין, ווי די אינטעליגענץ און גייסטיק־שאפערישער כח פון א גרויסן, יא, דעם גרעסטן טייל פון פאלק האבן נישט דעם גוטן ווילן צי די מעגלעכקייט זיך צו באטייליקן אין דעם אויפבוי פונעם יידישן לאנד מיטן קיום האומה, טא צי וואס קומען זיי שטערן ווען אנדערע יידן טוען דאס? וועלן זיי דאס קענען פארענטפערן פאר דער געשיכטע? אין אמעריקע לעבן 5 צי 6 מיליאן יידן אין די בעסטע מאטעריעלע און פאליטישע באדינגונגען, דוכט זיך גענוג א גרויס און רייך־אנטוויקלטע פעלד פאר דער יידישער שפראך און ליטעראטור, טא צו וואס ברויכן זיי נאך „עראבערן" ארץ ישראל? אנדערע יידן, ווען אפילו צאלמעסיק און מאטעריעל פיל ארעמער און ביי פיל שווערערע פאליטישע באדינגונגען, ווילן פונדעסטוועגן אויך לעבן כפי זייער אידייאל און נויטיקייט. די שפראך איז די נשמה פון א פאלק.

פעלקער קעמפן פאר זייערע נאציאנאלע שפראכן. די יידן אין ארץ ישראל האבן עס געטון און זענען ווייטער גרייט מקריב צו זיין זייער לעבן און קאמף פארן פאטערלאנד, שפראך און דער צוקונפט פונעם פאלק ישראל. וויפיל **אמעריקאנער יידן וואלטן עס וועלן, פאר אט דעם אידעאל** מיט דעם געהייליקטן נאציאנאלן ציל און צוועק, זיך לאזן א נאגל פון א פינגער אבשניידן? . . .

די מעשה מיטן מאמע־סענטימענט גילט ווייניקער א זין, דארט וואו דאס לעבן און די מעשים איז א זער ערנסטער באנעם און ענין פון נאציאנאלע, קולטורעלע ווערטן.

* * *

מיט אט דער פאדערונג פאר יידיש אין ארץ ישראל, זענען ארויס די אמעריקאנער יידישע שרייבער פון פען־קלוב און פרץ־שרייבער פאריין ביי דער געלעגנהייט פון א פראטעסט־ערקלערונג אין דער אמעריקאנער יידישער פרעסע געגן דוד בן־גוריון, וואס זאל האבן ביי א פארזאמלונג אין תל-אביב, באצייכנט „יידיש ווי א פרעמדע שפראך, וואס גרילצט אין די אויערן", רחמנא לצלן. דאמיט זאל דוד בן גוריון האבן „מיט גרויזאמער שנאה צו דער יידישער שפראך באליידיקט דאס יידישע פאלק" און האבן „באגאנגען א שרעקלעכע נאציאנאלע און היסטארישע עוולה, וואס עפעס אנדערש ווי טיפסטן ווייטאג און ביטערסטע שאנד קאן דאס נישט ארויסרופן." אזוי הייסט עס אין דעם פראטעסט. נו, ווער קאן עס לייקענען, אז די יידישע שפראך שטאמט נישט אב פון בארג סני, נאר פון דייטשלאנד? קאן דערייבער גרייזלעך זיין, אז א מאן ווי דוד בן גוריון, וועלכער האט אפשר צו דער קאטאסטראפע פון א העלפט פון יידישן פאלק, א נענטערע, מער פיינלעכע און טיפערע באציאונג, ווי זאגן מיר אן אמעריקאנער ייד, טאקע אפשר א שטעך טון איין אויג, צי א גרילץ טון אין אויער אלץ וואס עס דערמאנט דעם דייטשן רוצח! און דאצו נאך איז בן גוריון נישט קיין יידישיסט, נאר א העברעער פון ארץ ישראל. איך קאן דאס גאנץ גוט פארשטיין און מיטפילן.



און וואס איז דאס עפעס פאר א מין צביעות־אנשטעל (אין דער פראטעסט ערקלערונג) מיט די קדושים, אז זיי, די הונדערטער טויזנטער קדושים איז דאס יידישע ווארט געווען זייער טרייסט ביים לעבן און זייער לעצטער גסיסה זיפץ איידער דער טויט האט אויף אייביק זייערע ליפן פארשלאסן." פון וואנען ווייסן זיי דאס אזוי אויף זיכער? זענען זיי געשטאנען דערביי? אפשר איז די טרייסט ביים לעבן גאר געווען ציון, די האפנונג אויסגעלייזט צו ווערן פון ביטערן גלות, וואו איעדער מערדערשגיץ האט די בייזע מאכט צו פירן מיליאנען יידן צו דער שחיטה, צו ווארפן מיליאנען יידישע קינדער לעבעדיקערהייט אין די פייער־אויוונס? און אפשר איז דער לעצטער גסיסה־זיפץ פון די קדושים גאר געווען א קללה אויפן גלות, מיט דער פארלאזנקייט און שוצלאזיקייט און מיט אלץ מיט אנאנדער? צי אפשר גאר דער אייביקער שמע ישראל? וואס דאס לייגט זיך דאך גיכער אויפן שכל... ניין, סאיז גענוג! מען האט שוין גענוג אין יידישן אמעריקע פארשוועכט די פיעטעט פון די קרבנות, גענוג דארט שוין ארומגעשלעפט דעם בלוטיקן שאטן פון די קדושים אין די טעאטערס, קאבארעטן, באנקעטן און ספעקטאקלס און פארטיי־שטרייטן! איעדע מיאוסקייט האט א גרענעץ. **ס'איז א חרפה און א צער צו מוזן דאס זאגן אין דער** עפנטלעכקייט, נאר די מאס איז שוין פארפולט...

און אויב סאיז טאקע אמת, ווי עס זאגט זיך ווייטער אין דער קוריאזער פראטעסט-ערקלערונג אז: „סאיז שוין צייט דאס דער ישוב ארץ ישראל זאל אנערקענען דעם גרויסן נאציאנאלן ווערט פון יידיש פאר ארץ ישראל גופא און פאר דעם יידישן פאלק אויף א וועלט־מאסשטאב" אזוי איז, כפי מיין באשיידענעם באנעם פון דעם ענין דער „וועלט-מאסשטאב" אין ערשטער ריי חל אויף די אמעריקאנער יידן מיט די דארטיקע יידישע שרייבער און קולטור־טוער בראש מיט זייערע גרויסע מאטעריעלע און גייסטיקע מעגלעכקייטן **צו דעם, דהיינו, צו זאמלען עדיטירן און ארויסצוגעבן די ליטערארישע** ווערק פון די אומגעקומענע יידישע שרייבער פון פוילן און פון די אנדערע לענדער פונעם חורבן, **ארויסצוגעבן זייערע אייגענע ווערק און אויך ביכער** פון די פארוואגלטע פליטים שרייבער און צו לאזן איבערזעצן אין העברעאיש די בעסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראטור, כדי זיי צו פארשפרייטן אין ארץ ישראל גופא.

דאמיט וועט אן ספק אפגעהיט ווערן פון זיכערן פארלוסט גרויסע גייסטיקע אוצרות, „וואס דער געניוס פון פאלק האט געשאפן אין דער יידישער שפראך."

נאר צי די אמעריקאנער יידישע שרייבער, וועלכע זארגן אזוי שטארק פאר יידיש אין ארץ ישראל קאנען טאקע האבן אט אזא השגה, בנוגע דעם „וועלט-מאסשטאב" פון דער נעהרובטער יידישער ליטעראטור מעג מען פונדעסטוועגן זיין אביסל מסופק . . . *

* אונזער מיינונג איבער פוקס פאמפלעט־ארטיקל איבער יידיש זע ז. 8.—ש.

משה עובד

# א מעשה מיט א גאלדענעם סאפיר

(פון מיינע דערלעבענישן)

פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, פלעגט אַלע מאָל אריינקומען צו מיר אַן ענגלישער פאַרלעגער, איינער פון די בעסטע, און מיך בעטן צו שרייבן פאַר זיין פירמע אַ פּאָעטיש בוך איבער דער נאַטור פון יואווען.

„אַזאַ בוך איז נישטאָ אין דער ענגלישער שפּראַך און דו וואָלסט עס געקאָנט שרייבן".

ענטפער איך אים „הלואי וואָלט איך עס נאָר געקאָנט טון, קיינעם וואָלט איך עס נישט אָפּגעגעבן נאָר דיר".

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף עטלעכע וואָכן שווער געאַרבעט און געשריבן מיין בוך אין ענגליש For the sake of the Days. („אין זכות פון די טעג").

און ווען דער שניי אין ערשטן מלחמה-ווינטער האָט געגרייכט כמעט צו דער גאָמבע פון קליינע מענטשלעך ווי איך, האָב איך גענומען מיין מאַנו־סקריפּט אונטערן אָרעם ווי אַ פרומער איד אַ טלית־זאַק און דאַמיט אַהין צום פאַרלעגער, נישט ווייט פון מיין געשעפט. ער האָט מיך וואַרעם אויפגענומען (אַליין אַ זון פון בעסטן ענגלישן לירִיקער) ער האָט נישט געעפנט דעם מאַ־נוסקריפּט און געפרעגט „איז עס וועגן Jewels (יואווען) — ענטפער איך ניין, עס איז וועגן Jews (אידן). איז ער געבליבן אַביסל סמוטנע. דערקלער איך אים: „אין אַזאַ צייט וואָס פּאַראַ ווערט האָבן יואווען, ווען אַט אויף דעם ווייסן שניי וועלן נאָך טייכן בלוט פליסן".

זאָגט ער „לאָז עס איבער איך וועל עס אַליין לעזן" און ער זיפצט שווער אָב.

פרעג איך אים „פאַרוואָס זיפצט איר עפּעס אַזוי?".

דערציילט ער מיר:

— מיין פרוי, קענסט זי דאָך, איז זער חרוב, געהאַט די בעסטע דאָקטוירים און זיי גיבן נישט קיין האָפנונג. אַזאַ יונגער בוים! פיר קליינע קינדער! קענסטו מיר העלפן? אפשר א מזלדיק שטיינדעל!".

בין איך געבליבן ווי אָבהענדיק און זאָג: וואָס מ'שטיינס געזאָגט קען איך דיר טון? נאָר קענסט זיין זיכער, אויב איך וועל געפינען דעם פונק וואָס וועט מיך דערוואַרעמען צו גלויבן אין אים קום איך מיט אים, צו דיר צו פליהען.

איך גיי צוריק צו מיין געשעפט אין די טרענטשעס פון שניי ווי אין א „טראַנס" און טראַכט און קלער „וואָס געפינט מען פאַר דער פרוי?".

קומנדיק אין געוועלב אריין האָב איך זיך דערמאָנט אין א קופּקעלע סאַפּירן פון אַלערליי קאָלירן, וואָס ליגן אין דער קאַסע אין א ווייס זיידען טאַשן־טיכל שוין אַסך יאָרן. און די מעשה מיט די סאַפירן איז אָט די:

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל



אַן אַלטע שענע פרוי, א טיפּ וואָס וואָלט זיך מער געפונען אין דער היים, אין 18־טן י.ה. ווי אין אונזער עפּאָכע, און זי האָט צווישן אירעביידע פינגער פון איר לינקער האַנט, געהאַלטן ווי א בינטל טרויבן דאָס פּאַרקניפּטע ווייס־זיידן־טאַשן־טיכל און געזאָגט צו מיר „נעם דאָס פון מיר מיין טייערער". און איך נעם עס בינד עס אויף און זע אפשר פופציק שטיינדלעך, א קאָלעקציע פון פאַרשיידנפאַרביקע סאַפּירעלעך און זי פרעגט:

— ווילסט עס קויפן?

— יאָ —

— וויפיל גיסטו מיר?

— £30.

— גוט.

וויל איך איר צוריקגעבן ס'זיידענע טיכעלע מאַכט זי: „אָה ניין! האַלט עס אַזוי ווי ס'איז". איך האָב דערפילט, אַז דאָס איז פּערפּיומירט מיט א מיס־טעריע. פרעג איך זי „קענסטו מיך?", זאָגט זי, „יאָ, אביסל פון א פריינדין וואָס קומט דאָ אהער". פרעג איך זי, קענסטו מיר דערציילן די געשיכטע פון די שטיינדלעך?

— יאָ, איך וועל דיר דערציילן. היינט איז פונקט פופציק יאָר זייט איך האָב זיי געקריגן א מתנה. אָבער דאָס איז א צו האַרצברעכנדע געשיכטע דאַריבער צו ריידן.

— „דערצייל מיר, דערצייל מיר", זאָג איך, „מיין האַרץ איז צעבראָכן אריינצונעמען דעם צער פון אנדערע".

— טייערער, ווען איך בין געווען א יונג מיידל, א באַרימטע שיינהייט, האָט זיך אין מיר פאַרליבט אַן אינדיאַנער סטודענט. ער האָט שטודירט אין אָקספאָרד און איך אויך. איז ער מיר נאָכגעגאַנגען אויף שריט און טריט און איך אים אויך. אונזער ליבע וועט קיינמאָל נישט ווערן באַזונגען, אָבער גלויב מיר דאָס א גרעסערע גיבט עס נישט. מיינע עלטערן פון דער וויקטאָ־ריאַנער וועלט, האָבן זיך דערוווּסט דערפון און מ'האָט דעם שידוך נישט צו געלאָזט. ווייסט דאָך, קאָליר! ראַסע! דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב אים געזען, איז געווען אויף א שיף, וואָס איז אָבגעגאַנגען נאָך אינדיען (פונקט היינט איז פופציק יאָר), האָט ער מיר געגעבן די שטיינדלעך איינ־געוויקלט אין דעם טיכעלע. ער האָט עס געהאַלטן אין זיינע פינגער פונקט ווי איך האָב זיי געהאַלטן אין מיינע פינגער, און געזאָגט צו מיר „נעם זיי פון מיר, מיין טייערע". פופציק יאָר האָב איך זיי געהאַלטן אין א וואַזע אין וואַסער, מיט זיי זיך געשפּילט אין זיי אריינגעוויינט, אָבער דער דאָקטאָר זאָגט איך האַלט שוין ביים לעצטן קאַפּיטל אָדער בלעטל פון מיין לעבן און איך האָב קיינעם נישט זיי צו ירשה'נען, האָב קיינעם נישט.

זי איז אַוועק און מיר איבערגעלאָזט איר ווייסע נשמה, אירע בלאָע האָפנונגען, איר גאָלדענע פרייד און פופציק יאָר שוואַרצן צער.

און די שטיינדלעך זיינען ביי מיר געווען הייליק. קיינמאָל נישט פאַר־

קויפט אַ שטיינדל, נאָר זיי צושאָנקען צווישן די, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט דאָס ס'שטיינדל איז אַ פונק פון זייערע נשמות; אַ גליד פון זייערע גלידער. ווען איך בין געקומען אין געוועלב אַריין האָט איך זיך דערמאָנט אין די שטיינדלעך, אויך זיך דערמאָנט דאָס דעם פערלענערם פרוי, האָט גאָלדענע האָר, אַ פריש געזיכט און וואַרעמע אויגן. האָב איך אַרויסגענומען דאָס גאָלדענסטע סאַפּירעלע, געפונען דאַפּיר אַ קליין 18־טן י.ה. שטאָלענע בייטעלע, אַ צאָל די נרוים, אַריינגעלייגט ס'שטיינדעלע און אַ בריוועלע געשריבן מיט אַ זיכערע פעסטע האַנט:

„זאָל דאָס שטיינדעלע זיין אַן ערמוטיקונג, אַן אָנלען און אייך שטאַרקן" און מיט זיכערע טריט בין איך גלייך צוריק צו מיין פּאַרלעגער, איבערגעלאָזט ס'פּאַקעטעלע מיט זיין סעקרעטאַר און פאַרלאָזט אַ פרייליכער.

אין אַ וואָך אַרום דער פאַרלעגער קומט אַריין צו מיר, פרייד אין זיינע אויגן ווי אין גאָלדענע סאַפּירן:

— איך האָב עס גלייך אַהיים גענומען ס'שטיינדעלע, זי האָט עס נאָר אָנגעקוקט האָט זי זיך געפילט אַן אַנדערער מענטש. אַריבער דעם קריזיס דער דאָקטאָר קען עס גאָרנישט באַגרייפן.

אַז מ'רעדט שוין פון נסים טאָ זאָל שוין אויך ווערן דערמאָנט דאָס אין יענע טעג ווען די שנייען זיינען נאָך געווען ווייס איז אַריינגעקומען אַ יונגע אַקטריסע, אַ גוטע טענצערן בלאָס ווי דער שניי מיט אַ קאָפּ האָר ווי דער ברענענדיקער דאָרן.

זי איז געווען אָן אַרבעט, אָן געלט, אָן געזונט און געשראָקען זיך פאַר די קומענדיקע טעג.

האָב איך אַרויסגענומען פון טאַש און איר געוויזן אַ גרויסן גאָלדענעם בריליאַנט פון 40 קאַראַט, דער בריליאַנט האָט געהאַנגען פון אַ לאַנגער שלאַנגען־קייט פון ריין, ווייך געפלאָכטן גאָלד.

זאָגט זי, „האָסטו נאָר נישט מורא צזטראָגן אַזאַ בריליאַנט אין טאַש?".

זאָג איך, „אַז דו האָסט נישט מורא צוטראָגן אויף דיינע אַקסלען אַזאַ קאָפּ זאָל איך מורא האָבן פאַר אַזאַ בריליאַנט?".

עס איז געווען אַ מאָנטאָג נאָך מיטאָג. די וואָלקנס האָבן געהאַנגען ווי געוואַשענע וועש אין ווינט. האָב איך זי אַרויסגעפירט אין גאַס אַריין, אַוועקגעלייגט דעם גאָלדענעם בריליאַנט אויפן שניי אין גאַס אַרומגעוויקלט ביי דער שלאַנגען־קייט. ווי זי האָט געזען דעם פלאַנעט ביי אירע פיס האָט זי זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירן און געטאַנצט ווי אַ זאַוויערוכע אַרום דעם פלאַנעט, צווישן שניי און וואָלקן.

עס האָט דערוואַרעמט איר גוף און נשמה. צומאָרגנס האָט זי געקראָגן אַ פירנדע ראָלע אין אַ גרויס טעאַטער. און היינט איז זי איינע פון די ערפאָלגרייכסטע אַקטריסעס אין לאַנד. און יעדעס מאָל ווען זי פילט זיך שווער געשטימט קומט זי אַריין אָנצוקוקן דעם גאָלדענעם בריליאַנט און גייט אַוועק מיט אַ טאַנצנדיק האַרץ.



# היינץ שטראה
# טהאָמאַס מאַנן

(צו זיין זיבעציקסטן געבוירן־טאָג.)

„דער נשמה'דיקער צוזאַמענהאַנג פון 'נאָרדבלאָנדער היימאַטלעכקייט' און אַנטיסעמיטיזם איז בולט נישט צו אונטערשיידן", זאָגט טהאָמאַס מאַנן אין אַן עסיי. — ער, דער צפון־דייטש און איצטער דער גרעסטער פון זיין פאָלק, און די איינציקע גרויסע דערשיינונג נאָך געטהע, איז היינט אַן אַמעריקאַנער מלוכה־בירגער און כמעט פון אייביק אַן אַן'אמתער איידאָפּעער.

אייגנטלעך (און אפשר גאָר קיינמאָל נישט) האָט טהאָמאַס מאַנן נישט לאַנג אויסגעהאַלטן אין דער „נאָרדבלאָנדער היימאַטלעכקייט". שוין אין זיין צווייטן ראָמאַן „קעניגלעכע מאַיעסטעט" פיגורירט צווישן אַנדערע פאַרשוינען אַ יידישער רופא, דאָקטאָר סאַמעט, וועמענס הילף מען ברויך ביים געבוירן־ווערן פונעם פרינץ, דעם העלד פון דער דערציילונג. שוין דאָ ביי דעם דאָזיקן דאָקטאָר סאַמעט שפּירט מען אַרויס די סימפּאַטיע פונעם דיכטער. שוין דאָ איז דייטלעך אויסגעדריקט סענטענץ און פאָדערונג פונעם הומאַניסט טהאָמאַס מאַנן. דער פירשט, דער פאָטער פונעם נייגעבוירענעם פרינץ פרעגט דעם דאָקטאָר, אויב זיין יידיש־זיין ברענגט אים נישט שאָדן אין זיין פּראָפעסיע. — דעם ענטפער וואָס ער באַקומט, באַווייזט בולט די פערזענלעכע איינשטעלונג פונעם דיכטער און ווי געפיל־פול ער איז. אייביק פילט זיך דער דיכטער טהאָמאַס מאַנן בנוגע דעם צווישפאַלט פון קינסטלער־ און בירגער־זיין איינזאַם. אָט אַזוי שטייט ער קעגנאיבער דעם יידישן מענטש מיט אַ גרויסער סימפּאַטיע. ער פאַרשטייט אים, און פילט צו אים אַ גייסטיקע קרובהשאַפט. נאָר אַזוי איז אויפצופאַסן דעם ענטפער פון דר. סאַמעט: „דער יחיד טוט אַמבעסטן נישט צו פרעגן קיין קשיות וועגן דעם מין פון זיינע פּריווילעגיעס, אין דער אויסצייכענונג ד.ה. אין דער באַלוינונג זעען דאָס ממשות'דיקע, און פון דעם אַרויס אַרויסגעפינען אַן'אויסעראָרדענטלעכע התחייבות... דאָס, וואָס מען געהערט נישט צו דער מאַיאָריטעט, איז אייגענטלעך נישט קיין שאָדן, מחמת דעם ווערט מען אָנגעטריבן צו אומגעוועגלעכע לייסטונגען." זיכער איז מען באַרעכטיקט דעם וואָרט „אויסצייכנונג" צוצומעסטן אַן'אַנדערע טראַנספּעריכטע באַדייטונג, וואָס מיינט דער רעדנער פון די אויבנדערמאָנטע ווערטער איז געצייכענט. — אין דעם דאָזיקן זאַץ שיינט צו זיין אויסגעדריקט, פאַרוואָס אָט־אַ־דער דייטש., וועלט־בירגער, הומאַניסט און דיכטער טהאָמאַס מאַנן איז אויסגעוואַקסן צום אָראַטאָר פונעם וועלטגעוויסן.

טהאָמאַס מאַנן האָט געהאַט זיין אייגענע אַנטוויקלונג. פונעם פּשוטן דערציילער איז ער געוואָרן דער דערציער און צום סוף דער אויפקלערער.

זיין געוויסן צווינגט אים צו אַ באַשטימטן אני מאמין, זיין געזינונג איז קלאָר. אין זיין ראָמאַן „די בודענבראָקס“, וואו ער שעפּט, ווי כמעט יעדער אָנפאַנגער אויס דעם אייגענעם דערלעבעניש און איז, חאָטש זיין געשטאַלטונגספעאיקייט זייער פּערזענלעך, איז דער יונגער טהאָמאַס מאַנן נאָך אביסל „נאָרד בלאָנד“. מיט דער „ירידה פון אַ פאַמיליע“ (דאָס איז דער אונטערטיטל פון דעם ראָמאַן („בודענבראקס“) גייט פּאַראַלעל דער אויפשטייג, דאָס זיך-דערהייבן פון אַנ'אַנדערער פאַמיליע. — אין דערזעלביקער שטאָט ווינען זייט אַ קורצער צייט די דערפאָלגרייכע און מזל'דיקע האָגענשטרוימס. באמתדיק האָבן געוואוינען זייער עשירות דורך דעם שידוך פון זייערס אַ זון מיט אַ טאָכטער פונעם ייד זעלמלינגער אויס פראַנקפורט, וועמען טאָני בודענבראָק רופט (חאָטש זי הייסט אַנדערש): שרה זעמלינגער. דער דיכטער אַליין שילדערט פרוי האָגענשטרוים אזוי: „זי איז אַ דאָמע מיט אויסערגעוויינטלעך געדיכטע שוואַרצע האָר און מיט די גרעסטע בריליאַנטלעך אין אירע אויררינגלעך.“ בכלל, אָבער איז ער פריי און צוריקגעהאַלטן פון האָס און איראָנישע באַמערקונגען.

אין זיין צווייטן ראָמאַן איז שוין גאָרנישט מער צו שפּירן פון „נאָרדבלאָנדער היימאַטלעכקייט“. זיין האַלטונג און איינשטעלונג זענען פונדאַמענטאַל געענדערט, און פאַר די קומענדיקע שאַפונגסצייט ענדגילטיק באַשטימט.

דער רייפער טהאָמאַס מאַנן קען גענוי די גייסטיקייט און דעם כח פון געפיל אויף וועלכע ס'איז באַזירט די שפּעציפישע שטעלונג פונעם ייד. צו שאַפן אזאַ כאַראַקטער ווי לעאָ נאַפטאַ (דער „כשוף באַרג“, אפשר דער איינציקער דערציאונגס־ראָמאַן פון דער נאָך־געטהע'שער צייט) איז געווען פאַרן דיכטער אַנ'אינערלעך באַדערפעניש. דער אַלטער נאַפטא, אַ שוחט, ווערט דערהרגעט אין אַ פּאָגראָם. די פאַמיליע מוז אַנטלויפן. זיין יינגל וואַקסט אויס אין אַ יעזואיטן־שולע און ווערט קאַטויליש. אמת, ער איז אַנ'אַפּטריניקער, אַ משומד, און דאָך — איז ער ייד פול מיט גייסטיקן כח; אַ כח, וואָס אימפּאָנירט און וואַרפט אויף אונדז אַנ'אימה. שוין אין זיין אריינפיר: „פּונקט אזוי ווי אַנדערע גייסטרייכע יידן איז נאַפטאַ מיט זיין אינסטינקט געווען רעוואָלוציאָנער און אריסטאָקראַט אין דערזעלבער צייט“, ווייזט טהאָמאַס מאַנן ארויס אַ גרויס פערשטענדעניש קעגנאיבער יידישע מענטשן, געוואוינען אויס לעבנס-דערפאַרונג און שטודיום, חבר'שן און פריינטשאַפטלעכן מגע ומשא מיט יידן.

נאָך אַ באַזונדערע סיבה פון טהאָמאַס מאַנ'ס שטעלונג צו יידן. אַ יונגער גראַפיקער, אַ פאַמיליען-פריינט, האָט געשאַפן אַ סעריע ראַדירונגען צום טעמאַ: „יוסף“. האָט ער געוואָלט פון דעם גרויסן דערציילער אַ פאָרוואָרט און אַנ'אָפּשאַצונג פאַר די דאָזיקע מאַפּע. דאָ ליגן די וואָרצלען פון דעם איינציקאַרטיקן ראָמאַנווערק „יוסף און זיינע ברידער“. דאָס טעמאַ האָט טהאָמאַס מאַנן אזוי אינטערעסירט, אַז באַלד נאָכדעם ווי ער האָט



אַריינגעקוקט אין די צייכענ־בלעטער, האָט ער געמאַכט אַ רייזע נאָך מצרים און ארץ ישראל. זיין באַרירונג מיט סביבה און מענטשן האָט דאָרטן דערוועקט און אינספּירירט דעם דיכטער (וואָס האָט בכונה נאָר געוואָלט שרייבן אַ נאָוועלע) און ער האָט געשאַפן די פיר געוואַלטיק־גרויסע ראָמאַן־ווערק. די דאָזיקע פיר ביכער, אָנגעפילט מיט ווילדקייט און רעליגיאָזיטעט, מיט דאָרטקייט און היידנישע נאַטירלעכקייט זענען אַ מענטשלעכע אויסטייטשונג פון ביבלישער היסטאָריע; אין דערזעלבער צייט אויך אַנ'אינטערפּרעטאַציע פון אַלגעמיין־גילטיקן און אַלגעמיין-מענטשלעכן. אַלע עמאָציעס, געפילן, האַנדלונגען און מעשים זענען בולט געשילדערט, אויסגעטייטש און דערקלערט. אַט־אַ־דאָס ווערק איז באמת'דיק, ווי דער דיכטער דריקט זיך אויס אין זיין ווידמונג „דאָס בוך פונעם מענטש“.

טהאָמאַס מאַנן איז געווען אין ארץ ישראל. ער האָט געשפּירט דאָס: „איך בין ווירקלעך אינדערמיט פון אַ פאָלק, וואָס פילט און דענקט נאַציאָנאַל און האָט מיט אַ געוואַלטיקן קוראַזש זיך באַפרייט פון דער ציוויליזאַציע, כדי אָנצוהייבן פון בראשית און צו שאַפן פאַר זיך אַ וועלט, וואו בענקשאַפט און אידעאַל זאָלן ווערן געשטאַלט און ווירקלעכקייט. ווען איך האָב געזעען אַט־אָ־די יונגע יידן אין זעלבסט־באַוואוסטע נאַציאָנאַלע געשלאָסנקייט און פרייהייט, ווען איך האָב באַוואונדערט אַט־אָ־די ספּאָרטלעכע און מוסקעלשטאַרקע געשטאַלטן, — דאַמאָלט האָב איך געשפּירט, אַז אַ באַשטימטער ווילן פאָרעמט אַ לאַנד, וואָס וועט האָבן אַ צוקונפט. דער קוראַזש און דער טעטיקער און אמת'ער אידעאַליזם, וואָס איך האָב באַגעגנט אין די קבוצות, האָבן מיך טיף באַאיינדרוקט. אַ ניי פאָלק, וואָס האָט נישט פאַרלוירן זיין גייסטיקייט און וויים, ווי צו באַנוצן זיינע הענט, בויט פאַר זיך אַ ניי לעבן. מיט דער ערד פאַרבונדן איז דאָס דאָזיקע לעבן, שליאַדעם פירן צו דער צוקונפט און ס'וועט האָבן אַנ'אייביקן קיום.“

טהאָמאַס מאַנ'ס שאַפן איז אַנ'אוצר פון מייסטערווערק: אָפּטמאָלס לייכט־באַפליגעלט און דאָך וויכטיק; שאַראַמאַנט, מוזיקאַליש און מיט לייבטער איראָניע באַפּוצט, מאַנכמאָל פון סימבאָלישער צווייִדייטיקייט פּסיכאָלאָגיש פונעם לעבן באַדינגט און באַשטימט דער יסוד פון דעם אַלעם איז די אָרענטלעכקייט פון זיין געזינונג און די מענטשלעך-מוטיקע האַלטונג.

טהאָמאַס מאַנן איז איצטער 70 יאָר אַלט. ס'איז אַ גליק, וואָס מיר זענען זוכה אים צו האָבן פאַר אַ צייטגענאָסע.

איבערזעצט פון אליהו פאַלושאַק.

**שמואל האלפערן**

# די סאציאלע געזעצן אין דער תורה

(„קאפיטל „יידישן סאציאליזם")

„מאדערנע" יידישע סאציאליסטן וואס זענען בקי אין דעם וויסן פון קארל מארקס, פרידריך ענגעלס, קארל קאוטסקי, לענין און קראפאטקין שמייכלען מיט גרויסער איבערלעגנהייט און מיט ווייניק דרך ארץ, ווען מען פרואווט זיי צו ערקלערן און באווייזן, אז דאס יידישע געזעץ איז פול מיט סאציאלע איינריכטונגען און מאראלישע גערעכטיקייט — ד.ה. אז משה אלס געזעצגעבער האט געוואלט אז די יידישע מלוכה זאל זיין א מלוכה פון סאציאלער גערעכטיקייט, פון א גערעכטיקייט ניט נאר מיט די ליפן, נאר טאקע מיט מעשים און אז די גערעכטיקייט זאל זיך טאקע אנהויבן דארט ווי עס טוט א געוועגלעכן מענטש וויי — ביי דער קעשענע! עס איז א סוד פאר מיר און קען עס עד היום ניט פארשטיין, פארוואס גויישע סאציאליסטן באצייכענען גאנץ אפן יעזוס קריסטוסעס בערג־דרשה אלס דאס ערשטע סאציאליסטישע אקציע־פראגראם, חאטש עס איז אין ווירקלעכקייט נישט אנדערש ווי א פראגראם פון דער תורה און יידישע סאציאליסטן רעדן ניט דעריבער, גלייך ווי זיי וואלטן זיך נעשעמט דערמיט. דער אמת איז אבער, אז צוגעפאסט צו די ווירטשאפטלעכע פארהעלטנישן פון דאמאלסט, זענען די סאציאלע דינים פון דער תורה, דאס בעסטע וואס מען קען ערווארטן.

באטראכטן מיר למשל די הלכות עבדים (קנעכט). דאס ווירטשאפטלעכע לעבן פון די אלטע צייטן איז געווען אויפגעבויט אויף דעם יסוד פון קנעכטשאפט, א פרייע ארבעטערשאפט ווי למשל היינט אפילו אין דער קאפיטאליסטישער וועלט, האט ניט עקזיסטירט. דער קלאס פון ארבעטער, וואס אויב ער האט געוואלט האט ער געארבעט פאר שכירות און אויב ער האט קיין חשק ניט געהאט, איז ער געזעסן אין דער היים — דער קלאס פון ארבעטער איז געווען זער קליין און דער באזיס פון דעם עקאנאמישן לעבן איז געווען די ארבעט פון די קנעכט. דער צושטאנד האט געדויערט טויזנטער פון יארן און די רוימער, למשל, האבן דאס גוט אויסגענוצט און האבן מיט דעם בלוט פון די קנעכט אויפגעבויט א וועלט־אימפעריע. אבער ווי אזוי האבן די רוימער באהאנדלט די עבדים?

דאס יידישע געזעץ האט איבערהויפט ניט ליב געהאט די דערמאנטע אינסטיטוציע, אבער אזוי ווי זיי האבן ניט געקענט זיין א עקאנאמישע אינזל אין דעם ים פון דעם דאמאלסטיקן עקאנאמישן סיסטעם, האבן זיי געמוזט האלטן קנעכט. אבער דאס געזעץ האט זיי פארגעשריבן, אז זיי מוזן די עבדים באהאנדלען מענשלעך און סאציאל. אזוי פיל באשרענקונגען זענען געווען פארגעשריבן פאר די



יידישע בעלי־בתים פון די קנעכט און אזוי אכטונג־געבן האבן זיי געמוזט, אז עס זאל די קנעכט, יא חלילה, גאר ניט פעלן, אז דער תלמוד איז זעער גערעכט, ווען ער נעמט צוזאמען אלע כללים אין צוזאמענהאנג מיט די עבדים אין איין גרויסן כלל: „ישראל שקנה לו עבד, קנה לו אדון לעצמו". א ייד וואס קויפט א קנעכט, האט זיך אין ווירקלעכקייט געקויפט א בעל־הבית! און דאס געזעץ איז געמאכט אין א צייט, ווען די וועלט איז נאך געווען זער שטארק פארהילט אין דער פינסטערניש. דאס מארדן פון א קנעכט, אפילו פון א גוישן קנעכט דורך א ייד, ווערט באשטראפט פון דער תורה מיטן טויט פון דעם יידישן רוצח. די העלענען, דאס ציוויליזירטע פאלק אין דער דעמאלטיקער וועלט, האט דאס מארדן פון א עבד ניט בעטראכט אלס פארברעכן — און אויך די רוימער ניט! די רוימער האבן געהאט א חוק אז אלע קנעכט וואס זענען געווען בשעת מעשה אין דעם הויז ווען איינער פון די עבדים האט דערהרג'ט דעם בעל־הבית, מוזן באשטראפט ווערן מיט דעם טויט. און אזא מעשה האט זיך טאקע געטראפן אין דעם יאר 61 און ניט ווייניקער ווי 400 נפשות, מענער, פרויען און קינדער זענען אומגעבראכט געווארן. עס איז דערפאר קיין חדוש ניט, אז די רוימער האבן אלע מאל צו טון געהאט מיט שקלאוון־אויפשטענדע.

און באטראכטן מיר דאס געזעץ וועגן דעם רו־טאג שבת. וויפל הונדערטער פון יארן האט עס געדויערט ביז מען האט עס איינגעפירט אין דער ציוויליזירטער וועלט, אז דער ארבעטענדער מענטש זאל האבן א געזעלעכן רו־טאג איינמאל אין דער וואך — און איך בין גאנץ מסופק צו דער וועכענטלעכער רו־טאג איז שוין אפילו היינט איינגעפירט אין דער גארער וועלט. אבער דאס יידישע געזעץ האט אלס איינע פון זיינע וויכטיקסטע ארדענונגען, דעם שבת און גראדע פאר דעם ארבעטער, פאר די קנעכט און אפילו פאר די חיות וואס ארבעטן.

די אנדערע פעלקער אין די דאמאליקע צייטן האבן די אינסטיטוציע ניט געהאט, אדרבא, זיי האבן חוזק געמאכט דערפון. עס איז אפשר ניט אומאינטערעסאנט צוברייננען דא וואס דער אנטיסעמיטישער היסטאריקער טאציטוס, וואס איז צופעליק אויך געווען דער ערשטער היסטאריקער פון די דייטשן, זאגט וועגן די יידן און זייער שבת: „אין דעם זיבעטן טאג, זאגט מען,האט עס זיי געפעלן צו רוען, ווייל דער טאג האט געמאכט א סוף צו דער מי( פון דער וואך). און דאס האט זיי אזוי גוט געפעלן, אז מען האט אויך איינגעפירט, אז יעדעס 7 יאר זאל מען פויל זיין..." אבער עס איז ניט טאציטוסעס מיינונג אליין; דער אמת איז, אז דאס גאנצע אלטערטום האט דעם סאציאלן געדאנק פון שבת איינפאך ניט פארשטאנען.

גייען מיר איצט איבער צו די ריין־עקאנאמישע געזעצן. סאציאליסטן פון היינטיקע צייטן, פון דעם 20־סטן יארהונדערט, פארשטייען אונטער „סאציאליזם" דאס אפשאפן פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג. ד. ה.

ניט צו פראָדוצירן און ניט צו ארבעטן כדי דער קאפיטאליסט וואָס האָט די מאשין און דאָס „געצייג זאָל קענען פארדינען פון די הענט פון די ארבעטער וואָס ארבעטן פאַר אים, נאָר אז דער ארבעטער זאָל טאַקע אַליין הנאה האָבן פון מעשה ידיו. און אזוי ווי גרויסע פאבריקן מיט א סאך מאשינען וואָס זענען דאָס אייגנטום פון יחידי סגולה מיט הונדרטער און טויזנטער פון ארבעטס־הענט זענען דאָס סימבאָל און דאָס וועזן פון דער היינטיקער, מאָדערנער צייט, וואָס מען רופט קאפיטאליסטישעם סיסטעם — אזוי מיינען מענטשן, אז סאָציאליזם איז דאָס פּראָדוקט, דער פועל יוצא, פון דער קאפיטאליסטישער וועלט און איז דערפאר ניט מער אַלט ווי דאָס קאפיטאליסטישע סיסטעם אַליין, ד.ה. א ערךפון 150 ביז 200 יאָר.

אין א געוויסער באציאונג איז דאָס טאַקע אמת: אז דער מאָדערנער סאָציאליזם איז דער ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון דעם מאָדערנעם ווירטשאפטלעכן סיסטעם וואָס רופט זיך דאָס קאפיטאליסטישע. אָבער אמת איז אויך, אז כמעט יעדע עפּאכע אין דער געשיכטע האָט געהאַט אירע סתירות. וואָס זענען בעשטאַנען לויט קאַרל מארקס על פי רוב אין דעם עקאָנאָמישן שטח — ד.ה. אז כמעט תמיד האָט עס געגעבן סתירות און מחלוקת צווישן 2 הויפּטגרופּן פון א בעפעלקערונג, צווישן א מעוט וואָס איז געווען דער בעל הבית און א רוב וואָס האָט געארבעט און געמוזט פאָלגן, אויב זיי האָבן ניט געוואָלט פארהונגערן. נאָר מיר, וואָס לעבן אין דער עפּאָך, וואָס מען רופט: די קאפיטאליסטישע, האָבן דאָס באַזודערע גליק, צו לעבן אין א צייט, וואָס דער מעוט וואָס ה ע ר ש ט ע ק אָ נ אָ מ י ש און דערמיט נאַטירלעך אויך פּ אָ ל י ט י ש, ווערט וואָס א מאָל קלענער און דער רוב וואָס ווערט אויסגענוצט, כל זמן ער לאָזט זיך, ווערט וואָס א מאָל גרעסער. ווייל מיר לעבן אין א צייט פון „פאָרגעשריטענעם" קאפיטאליזם אויף דעם עקאָנאָמישן געביט.

און ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ק ע נ ג צ ו ע צ ע האָט עס אויך אין משה׳ס צייטן געגעבן און די ת ו ר ה שטייט אויפן צ ד פון דעם א ר ב ע ט ע ר, פון דעם אָרימאַן.

אין ארץ ישראל איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן געווען באַגרינדעט אויף דער ל אַ נ ד ו ו י ר ט ש א פ ט. די לאַנדווירטשאַפט, און ניט מסחר און האנדל איז געווען דער הויפּט־צווייג פון דער עקאָנאָמיע פון דעם לאַנד כל זמן די יידן האָבן געלעבט דאָרט א אייגן מלוכה־לעבן. דאָס איז א מאָל א פאקט וואָס קען באַווייזן ווערן מיט טויזנט ראיות. און דערפאר איז די צאָל פון די געזעצן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דעם באָדן גרעסער פון די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט אַנדערע ווירטשאפטס-צווייגן. און דאָס הויפּט־געזעץ פון לאַנדווירטשאַפט איז: סאָציאַליזירן אָדער נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן. דאָס לאַנד געהערט ניט צו פּריוואַט-מענטשן און עס קען דערפאר ניט פאָרקויפט ווערן „והארץ לא תמכר לצמיתות". ניט תמיד ווערט דער טעם פון דעם דין אָנגעגעבן אין דער תורה אלס א סאָציאַלער, ווי למשל ביי די עבדים,



ווי עס הייסט „לא תענה עבד, כי עבד היית, אז מען זאָל ניט פּייניקן קיין קנעכט, ווייל די יידן זענען אַליין קנעכט געווען און ווייסן דעם טעם פון זיין א קנעכט. די הויפּטזאַך איז דער פאקט, און דער פאקט איז, אז עס האָט ניט געגעבן קיין פּריוואַט־אייגנטום אין ארץ ישראל על פי דין! עס איז אויך ניט וויכטיק, צי דאָס געזעץ איז איינגעהאַלטן געוואָרן, צי ניט — מיר רעדן דאָ נאָר פון דעם געזעץ און פון דעם גייסט פון דעם געזעץ.

דאָס גאַנצע לאַנד־סיסטעם מיט זיינער איינטיילונג צו די שבטים האָט עס מיט זיך געבראַכט, אז דער קליינער לאַנדבאַזיצער איז געווען געשיצט קעגן דעם רייכן. ווי אָפט קומט עס למשל פאָר, אז דער פויער, ווייל דאָס יאָר איז ניט געראָטן אָדער ווען א האָגל אָדער א שרפה האָט אים פארניכטעט דאָס גאַנצע גערעטעניש — איז געצוואונגען, אויב ער וויל ניט פארהונגערן, אויפצונעמען א הלואה אויף זיין שטיקל פעלד. און וואָס געשעט — און טאַקע זער אָפט — אז ער קען די הלואה ניט צוריק צאָלן? דער פויער האָט דאַן נאָר איין ברירה: ער מוז א שטיק פון דעם לאַנד, וואָס איז אין דעם באַזיץ פון זיין משפחה שוין מכמה וכמה דורות און אין וואָס ער און זיין הויזגעזינד האָבן אריינגעלעגט בלוט און שוויים, פארקויפן. צי ער פארקויפט עס טאַקע דעם בעל־הלואה, צי א אַנדערן און מיט דעם געלט באַצאָלט ער דעם בעל־הלואה קרן און ריבות — דאָס איז פאַר דעם אָרימאַן לאַנדווירט אַלץ איינס — ער מוז זיך מיט א שטיק לאַנד געזעגענען און זען, אז ער זאָל ארויסבאַקומען מחיה פון דעם רעסט וואָס בלייבט אים. ווען ניט משה׳ס געזעץ, וואָלט דער פויער קיינמאָל ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיין שטיק לאַנד צוריק צו באַקומען. די תורה מאַכט עס אים אָבער מעגלעך, דאָס פאַר נויט פארקויפטע שטיקל לאַנד צוריק אויסצולייזן — און ער מוז ניט וואַרטן ביז צום יובל ווען ער וואָלט עס סיי־ווי־סיי צוריקבאַקומען. שכחה, פאה, לקט, עוללות און מעשר עני זענען געזעצע וואָס זענען פון קלענערן ווערט פאַר דעם אָרימאַן, האָבן אָבער דאָך א געוויסע באַדייטונג.

דער סאָציאַליסטישער גייסט פון דער תורה דריקט זיך נאַטירלעך אויך אויס, אין דעם אַנדערן, קלענערן צווייג פון דער אַלטער ארץ ישראלדיקער ווירטשאַפט: אין דעם ה א נ ד ל. אַלע הלואות ווערן אין דעם שמטה-יאָר פארפאַלן. אַלע משכנות גייען צוריק צו זייערע פריערע אייגנטימער. נאָר איין חוב מוז אפילו אין דעם שמטה־יאָר באַצאָלט ווערן — שכירות! דער לוין פאַר ארבעט מוז תמיד געצאָלט ווערן און אפילו ווען א שמטה-יאָר איז דאַריבער געגאַנגען

משה קענט די שוואַכקייט פון מענטשן און ווייסט גאַנץ גוט אז גבירים וועלן ניט וועלן לייען קיין געלט אין א יאָר וואָס איז נאָענט צו דער שמטה און דערפאַר וואָרנט ער זיי: „השמר לך..." (דברים, 15, 10־9).

אויב די געזעצע זענען ניט סאָציאַליסטיש, דאַן ווייס איך ניט וואָס סאָציאַליסטישע געזעצע קענען זיין.

איך האָב דאָ נאָר אויפגעצייכנט די וויכטיקסטע געזעצע פון דער תורה

וואָס מען מוז באַצייכענען אַלס סאָציאַליסטישע, ווייל זיי באַהאַנדלען דאָס עקאָנאָמישע געביט און שיצן דעם אָרימאַן און שוואַכן דאָרטן ווי עס איז זער וויכטיק פאַר זיי — אַז זיי זאָלן ניט אונטערגיין אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף צווישן רייך און אָרעם.

אָבער נאַטירלעך זיינען נאָך פאַראַן אַ גאַנצע שורה פון אַנדערע איינאָרדענונגען וואָס רעדן אַ מענטשלעכע, סאָציאַלע שפּראַך — ווי למשל, די דינים וואָס באַהאַנדלען שכירות פון דעם אַרבעטער, משכונות, א. א. וו. — דינים וואָס האָבן צו טון דירעקט און אומדירעקט מיט דעם עקאָנאָמישן לעבן און זענען פול מיט דעם גייסט פון הומאַניטעט און גערעכטיקייט.

עלעק וואַטערמאַן

## יידיש-סאָוויעטישע פּאָעזיע אין דער פּעריאָדע פון דער גרויסער פאַטערלענדישע מלחמה. (המשך)

די דריטע טענדענץ. דאָס פאָלקס ליד און די לאַנגע באַלאַדע. ספּעציעל די באַלאַדע, ווייל פאָלקס-מאָטיוון געפינען זיך דורכאויס אין די יידיש-סאָוויעטישער פּאָעזיע. די באַלאַדע דאָס איז די אַלעגאָריע, די לעגענדע די „גאָלדענע פּאַווע" פון די פּאָעזיע. קיינער איז ניט אַזוי פיל מייסטער פון אָט די באַלאַדע ווי פּרץ מאַרקיש. און אין זיין זאַמלונג „פאַר פאָלק און היימלאַנד" האָט ער אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע באַלאַדן וועגן העראָאישקייט פונם פאָלק, פונם קאָלעקטיוו ווי אויך דעם יחיד. ווי צום ביישפּיל די באַלאַדע „וועגן פינף", אָדער „די באַלאַדע וועגן קאָמאַנסט גרעבניקאָוו".

איז נענאַנגען די שיף מיט איר שליחות
ווי דער גורל, אינמיטן ים
צו די ברעגן דערנענטערט זיך ניכער
און געבראָכן יעדן צאַם.

ס'וואָלט גענומען צו לאַנג צו ציטירן אָט די באַלאַדע (פון דעם יונגען קאָמאַניסט וואָס פירט אויס אַ העראָאישע שליחות און ראַטעוועט די שיף) צו באַווייזן אָט די באַלאַדע פאָרם אין איר פולן ווערט. ווייל בכלל איז די טענדענץ אין די באַלאַדן אביסל צו לינק.

אָדער ווידער אַמאָל איציק פעפער'ס פאָלקסטימליכע „באַלאַדע וועגן זכריה מעל עגלה און זיינע פאַר פערד" פון דעם ליטעראַרישן זאַמלבוך „היימלאַנד":

זומער מיט וואָגן ווינטער מיט אַ שליטן
זומער מיט אַ סעפּקע ווינטער מיט אַ היטל
ווינטער מיטן שליטן זומער מיט אַ וואָגן
און די פערדלעך יאָגן און די פערדלעך טראָגן
און די בייטש די לאַנגע פאָכעט אין אַלע זייטן
מזל-טוב אייך זכריה מיט אַ וועג אַ ווייטן.



ווידער אַמאָל, ס'וואָלט פאַרנומען פיל צופיל פּלאַץ צו ציטירן אָט די וואונדערשיינע פאָלקסטימליכע באַלאַדע, וועגן דעם ווי אַזוי זכריה בעל-עגלה מיט אַ מנין עלטערע יידן וואָס ווערן פאַרכאַפּט אויפן וועג ביי די דייטשן.

און די לעצטע פערזן:

שאָסן און געשרייען ס'פלאַמען ביימער רייען
ס'פאַלן יידן, דייטשן שאָסן און געשרייען
און די פערדלעך פאַלן מיט צוטרענטע בייכער
זכריה וויינט און מורמלט: אָט אַזוי איז גלייכער!
אויב עס רופט דער טויט שוין — איז ניט שייך רעדן,
פיר איך כאָטש אויך דייטשן מיט זיך אין גן-עדן!

ווי געזאָגט אין אָנפאַנג, דאָס איז בלויז אַ קליינער פאַרזוך צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון די יידיש-סאָוויעטישע פּאָעזיע די לעצטע עטליכע יאָר.

האָבנדיק עס אָנגעשריבן, זע איך איין ווי ניט גענוג אָט די אָפּשאַצונג איז, שוין אין פאַרגלייך מיט די רייכע און פילע שאַפונגען פון באַקאַנטע און צענדליגע נייע יידישע שרייבער און דיכטער אין ראַטן-פאַרבאַנד — אַ גאַנץ נייע פּלעיאַדע פון יידישע שרייבער און דיכטער איז אויסגעוואַקסן די לעצטע עטליכע יאָר. צענדליגע נייע נעמען ווערן דערמאָנט — און פילע פון זיי זיינען ווערט דערמאָנט צו ווערן — צום באַדויערן קען איך דאָ בלויז דערמאָנען עטליכע.

און אין אַ צייט ווען פילע פון אונזערע לעבעדיגע קוואַלן זיינען אַזוי טראַגיש אויסגעטריקנט געוואָרן, פוילן איינע פון אונזערע ברויזענדע קוואַלן — פון דאָרט הערט מען איצט בלויז וויי געשרייען. פון אַמעריקא הערט זיך אָבער נישט גענוגענד פאַר אַזאַ ישוב קיין עין-הרע! און מיר אַליין פילן זיך אַזוי איינזאַם און אַליין. און מיטן אויסנאַם פון איינעם אָדער צוויי פון אונזערע פּאָעטן זעט אַלץ אויס פאַראָרעמט. אין אָט אַזאַ צייט איז נוט זיך צוצוהערן צו די קוואַלע פעסטע יידישע שטימע, צו אַ זיכערע און מאַרשירענדיקע שטימע וואָס קומט פון אונזערע יידישע שרייבער אין סאָוויעט רוסלאַנד. ס'איז די שטימע און קלאַנג פון פעסטע טריט אויף די אָספאַלטן נאָס וואָס טראָגט מיט זיך אַ זיכערן פעסטן טריט. און ווען מיט דער צייט אַז ס'וועט געמאַכט ווערן אַ מער פולע, אַ מער ערנסטע אָפּהאַנדלונג פון דער אַרבעט פון הונדערטער יידישע שרייבער און דיכטער פון יענעם טייל וועלט וועט זיך אַרויסווייזן וואָס פאַר אַ גלאָררייכער קאַפּיטל ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן אין די יידישע פּאָעזיע. וועט זיך באַווייזן די פעסטקייט מיט וועלכע ס'לעבט די יידישע קולטור אין די פּעריאָדע פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פון די סאָוויעטישע פעלקער.

(שלוס).

י. ה. לעווי

# איבער לאנדאנער שרייבער און זייערע ביכער

נישט אין אכט גענומען צום ערשט די ביטערע לופט־אנפאלן, און דערנאך די בלינדע „ראבאטס" וואס לאנדאן איז געווען פארמשפט איבערלעבן, זיינען דא דערשינען 56 יידישע ביכער. דאכט זיך א גאנץ נישקשהדיקע צאל—אבער דער סכום וואלט זיכער געקענט זיין צוויי מאל אזוי גרויס ביי א בעסערער ארגאניזאציע. נאר אויף דעם געביט זנען מיר ליידער נאך זער צוריקגעבליבן, מחמת ס'איז ביז היינט נאך גארנישט געטאן געווארן דעם מצב צו פארבעסערן. עס ווערט דער זעלביקער פעלער געמאכט ווי צופויער ביי די „קולטורקלייזלעך און קרייזלעך", וואס האבן אלע נאר געהאט איין צוועק: צו דאוונען ביחידות, יעדער איינער פאר זיך אליין...

איבער דעם ווערט פון די ביכער וויל איך איבערלאזן פאר מיר צו ריידן א אנדער מאל און זיך איצט מער אפשטעלן איבער דעם דערשיינען פון די ביכער.

ס'איז קלאר אז קיין שום פארלאגס-וועזן האבן מיר דא נישט. די דרוקעריי י. נארודיצקי און זין האבן איבערגענומען דעם גוטן רצון פון זייער פאטער ע"ה און גיבן ווייטער ארויס יידישע ביכער פון פארשיידענע מחברים צו די זעלביקע קאנדיציעס ווי צופויער—דאס מיינט מיט א קליינער איינצאלונג און מיט דעם רעשט ווערט געווארט ביז די מחברים פארקויפן זייערע ביכלעך צו ביסלעך און צאלן לאנגזאם אוים זייער חוב, אבער גארנישט לייכט קומט עס אפטמאל אוים די מחברים זייערע ביכער אליין צו פארקויפן, מחמת דאס איז שוין דוקא גאר נישט קיין לייכטע עבודות...

דאס יידישע בוך האט ד"ר מוקדוני שוין לאנג געזאגט איז געווארן „א מין רויט טיכל, מיט וועלכן מ'גייט איבער די הייזער". פארשטייט זיך אז שנארן מיט ליטעראטור טוען דער עיקר האלבע און גאנצע גראפאמאנען און סתם געבוירענע שנארער!

אבער צו אונזער גרויסן ווייטיק איז דער גרעסטער טייל פון אונזערע שרייבער אויך אריינגעצויגן געווארן אין דער ליטעראר־ישער שנארעריי, און אין אירע האלב מאסקירטע פארמען.

דאס יידישע בוך איז געווארן א מין טארבע; דאס שלעכטע בוך, דאס טאלאנטלאזע בוך, איז די אפענע טארבע, אבער הייסן הייסט עס ביים עולם, אז דאס יידישע בוך איז א טארבע. און דער אמת איז, אז דרייפערטל פון די דערשינענע ביכער ווערן ארויסגעגעבן מיט הילף פון גוטהארציקע מענטשן, פון פריינט, און פון ארדנברידער. דרייפערטל פון די שרייבער האבן שוין זייער „קארנער", ווי עס הייסט אין לייוויקס א דראמע, די שרייבער האבן שוין זייערע „קארנערס" וואס גיבן ארויס זייערע ביכער, באזארגן ווי עס איז דעם פארקויף.



די שרייבער האבן אויסגעהאדעוועט גראשענע מעצענאטן, וואס צוליב א ביסל כבוד און כדי צו צאלן ווייניקער שטייערן, ווארפן זיי צו דעם אדער יענעם שרייבער, פאר דער אויסגאבע פון זיינעם א בוך, א הונדערטער, אדער צוויי הונדערטער.

ער, דער מעצענאט אליין, דארף דאס בוך נישט, אבער כדי צו גילטן אין זיין קרייז פאר א מעצענאט, איז אים ווערט צו „פארברענגען א פאר הונדערטער".

און דאס ציטירטע פון ד"ר מוקדוני איז נישט חל נאר אויף נוי־יארק אליין, נאר טאקע אויף לאנדאן אויך.

ועל כולם, איז עס פארט זיך נישט צו דערקלערן און פשוט פאטאל, פארוואס דוקא אין די לעצטע שזידערדיקסטע יארן פון אומקום און מארד, איז דא אזוי באלעבט געווארן דאס לאנדאנער יידישע שאפן און דער יידישער ביכערמארק; הגם דער שרייבער פילט זיך דא אזוי איבריק, איינזאם און פארשטויסן, הגם דער שרייבער פילט זיך דא אזוי דערנידריקט און ווערט דערנידריקט...

נישט געאכט אויף דער אינדיפערענץ און דיסאינטערעסירטקייט פון א סך לייענער, דערשיינען פארט דא די אלע ביכער. און דאס איז נישט נאר שנארעריי ווי ד"ר מוקדוני מיינט; א ניין, עס זיינען פאראנען א סך טיפערע סיבות וועלכע באוועגן און סטימולירן דעם יידישן שרייבער—ווי שנארעריי... פילע זוכן עס צו דערקלערן מיטן שרעק פארן סוף—ווייל לאנדאן איז אין די פארגאנגענע יארן אזוי שווער באמבארדירט געווארן; האט מען נאך ראש געזוכט אפצוראטעווען זיך אדער די שאפונגען—א ביסל לידער צי דערציילונגען. נאר דאס איז נישט ריכטיק, פיל ריכטיקער איז ווייל דאס לעבן איז דא באדראט און אומזיכער געווען, איז דער שאפונגסדראנג צו פאראייביגן דאס אונטערגייענדיקע, געווארן א טאפלטער, דאס מיינט אבער אונטערלחלוטין נישט זיך צו וועלן ראטעווען פון אונטערגאנג, נאר דעם אונטערגאנג גופא אין א שעפערישן אויפגאנג צו פארוואנדלען...

אויף דעם געביט מוז מען מודה זיין איז שטענצל אמרירעווודיקסטן געוועזן פון אלע. ער האט נישט נאר פארשטאנען בלויז צו שאפן, נאר אפילו די שאפונגען צו פובליקירן און צו קאלפאטירן.

און זיין ציל צו רעאליזירן האבן אים נישט אפגעשראקן אפילו די ביטערסטע און קלענגלעכסטע באדינגונגען. אבער קיין שום צוועק (מעג ער אפילו ווי גרויס זיין) איז נישט ביכולת צו הייליקן די מיטל — ווען די מיטל דעם צוועק צו רעאליזירן זיינען נישט אזוי ריין און הייליק ווי דער צוועק גופא, פאראומרייניקן זיי אים...

מ'טאר נישט פארוועקסלען אומבאכבוד, מיט אומריין; ווען א יידישער שרייבער פארקויפט אליין זיין אנגעשריבן בוך, מעג דאס אומבאכבוד זיין, אבער ווייט נישט אומריין! און אויך נישט קיין שנארעריי. גראפאמאנען, שונדיסטן, שמירער און שנארער זיינען אין יעדן בארוף פאראן — אבער

דערפון ווערט נישט דער באַרוף דערנידריקט, נאָר די פּערזאָן גופא.

ס'איז קלאָר אַז דאָס אַרויסגעבן פון אומקאָנטראָלירטע ביכער איז גורם אַ גרויסן פּראָצענטזאַץ שונד און מיסט, און דעמאָראַליזירט, פאַרמיאוסט און פאַרביליקט דאָס ביסעלע באַציאונג וואָס די יידישע מעצענאַטן און בעסערע לייענער האָבן נאָך געהאַט צום יידישן בוך, דעם יידישן שרייבער און צו דער יידישער קולטור. ס'איז אויך אמת אַז די אַזוי־גערופענע „ליטעראַרישע שנאָרעריי" אין אַלע אירע פאָרמען, פון דער נידריקסטער ביז צו דער העכסטער, האָט אונז אויך געבראַכט גרויסן שאָדן. (אויב מען שטייט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַליין פאַרקויפן אַ בוך איז שנאָרעריי.) עס איז אויך אין געוויסער מאָס וואָר אַז אין דער יידישער גאַס פעלט אָפּטמאָל די געהעריקע קאָנטראָל איבערן יידישן בוך. דערפאַר מערן זיך אַזוי די שלעכטע גראַמען־פלעכטער, און מיר פאַרמאָגן אַזאַ מבול פון ווערטלאָזע לידערביכער. אָבער נישט ווייניקער אמת איז אויך אַז די ריזאַראַזיטעט און אומטאָלעראַנץ פון דער יידישער קריטיק האָט נישט פאַרמינדערט דעם אויפקום פון אַ סך אומפעיקע דיכטער, נייערט דעם אויפקום פון אַ סך ווערטפולע דיכטונגען... דערפאַר באַזיצן מיר לעצטנס אַזאַ שפע פון שלעכטע דיכטער און אַזאַ אָרעמקייט אין אמתע דיכטונגען... דאָס וואָלט זיך ד"ר מוקדוני אויך נעדאַרפן גוט צו מערקן.

און מכח אַ פאַרלאַג—געוויס וואָלט אַזעלכער נייטיק געווען, דאָס קען קיינער נישט אָפּלייקענען און מ'וואָלט אים אויך געקענט ביי אַ גוטן ווילן באַשאַפן, מיטלען וואָלטן זיך אויך שוין געפונען. אויך דער פאַרקויף וואָלט געקענט אויף אַ גאַנץ ברייטן אופן אָרגאַניזירט ווערן, נאָר ווידער דאָס זעלביקע — דער גוטער ווילן! מיר טאָרן אָבער גלייכצייטיק אויך נישט פאַרגעסן אַז נישט דער פאַרלאַג אַליין (ווי ער עקזיסטירט היינט) איז דאָס אַזאַ אידייאַלער וועזן, וואָס איז מסוגל אָפּצואוועגן און אָפּצומעסטן, אויב דאָס בוך פון דעם צי פון יענעם שרייבער איז ווערט געווען געשריבן, געדרוקט און פאַרקויפט צו ווערן; מחמת דער היינטיקער פאַרלאַג איז נאָך ווייט נישט קיין באַווייז — ווען אַ בוך ווערט אפילו יאָ גוט פאַרקויפט און רעצענזירט אַז דאָס בוך איז שוין באמת גוט, ווייל נישט תמיד רעכנט זיך דער פאַרלאַג דערמיט צי דאָס בוך איז באמת גוט, נייערט צי עס פאַרקויפט זיך גוט...

איך האַלט נישט דערפון אַז שלעכטע ביכער וואָס דערשיינען, שלאָגן אָפּ דעם אַפּעטיט פון דעם יידישן לייענער, וואָס איז נאָך געבליבן צו קויפן און צו לייענען גוטע יידישע ביכער, און באַשאַפן דערפאַר אַ באַציאונג פון ביטול, אפילו צום בעסטן יידישן בוך. מחמת עס דערשיינט כמעט יעדעס יאָר אויפן ביכערמאַרק פון אַלע ליטעראַטורן אַ געוויסער סכום פון שלעכטע ביכער, אָבער דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעשלאָגן דעם אַפּעטיט פונם גוטן בוך, ווייל עס זיינען פאַראַן גוטע און שלעכטע לייענער, פּונקט ווי עס זיינען פאַראַן גוטע און שלעכטע שרייבער, אומאָפּהענגיק איינס פון דעם אַנדערן. איך וויל דערמיט אָבער נישט באַהויפּטן אַז מען דאַרף נישט זיין



ריכטיקן פאַרלאַג און אַ קאָנטראָל אויפן ביכערוועזן; אין געגנטייל, עס וואָלט פון דער גרעסטער וויכטיקייט געווען צו שאַפן אַ פאַרלאַג וואָס זיין אויפגאַבע איז נישט נאָר אַרויסצוגעבן ביכער וואָס פאַרקויפן זיך גוט און ברענגען דעם פאַרלאַג אַ גרויסן פּראָפיט, נייערט ביכער וואָס זיינען באמת גוט און ברענגען דער ליטעראַטור אַ גרויסן פּראָפיט אַ דאַנק די ווערטפולע ליטעראַרישע שאַפונגען.

און מכח דער פראַגע צי אַ שרייבער זאָל אַליין אַרויסגעבן און פאַרקויפן זיינע ביכער, צי ער זאָל וואַרטן ביז אַ פאַרלאַג וועט עס טאָן, האַלט איך — אויף ווי גרויס דער שאָדן זאָל נישט זיין — איז דער נוצן אַלץ אַ גרעסערער, ווייל וואָס קומט אַרויס פון אַ געהויבענעם גוטן פּרעסטיזש ביי אַ שרייבער, ווען דער דאָזיקער פאַרפאַסט ביכער און זיי ווערן נישט געדרוקט, אָדער ער דרוקט ביכער און זיי ווערן נישט געלייענט און פאַרקויפט... איז שוין דאַכט מיר טאַקע בעסער אַזוי, מחמת מיטן אַליין דרוקן און פאַרקויפן די ביכער ווערן אויך געשריבן, געדרוקט און געלייענט אַ סך גוטע ביכער, און אָן דעם איז איבערהויפּט שוין גאָרנישט.

ווי שוין פריער דערמאָנט וואָלט באַשטימט מעגלעך און נוצלעך געווען צו גרינדן אַ גוטן פאַרלאַג, איך בין זיכער אַז דאָס וועט אויך ווערן ווייל עס ווערט שוין געפּלאַנט. אָבער ביז דער דאָזיקער ווערט נישט באַשאַפן, האַלט איך פאַר פאָרט בעסער ווייטער אַזוי מיט דער אַרבעט אָנצוגיין איידער גאָרנישט צו טאָן.

אויב פאַרקויפן די אייגענע ביכער מיינט שנאָרן — דאַן זיינען רעמבראַנדט, רובענס, לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי, מייסטער דירער, האַלביין און סעזאַן אויך שנאָרער געווען; מחמת נישט נאָר איינמאָל איז כמעט יעדן פון זיי אויסגעקומען זייערע בילדער אויפן מאַרק צו ברענגען, אָדער זיך אַ פּריוואַט קונה, אַ קייזערל, אַ פירשטל, אַ פּריץ אָדער אַ רב'ל אויפצוזוכן און ביי זיי אַ צייט לאַנג אויף קעסט צו לעבן, און אויב עס איז זיי אָנגעשטאַנען, מעג עס דעם יידישן שרייבער אויך אָנשטיין — ווייל נישט דער פּרעסטיזש באַשאַפט דעם שרייבער, נייערט דער שרייבער דעם פּרעסטיזש! (מיט זיינע קונסט ווערק.)

אַליין פאַרקויפן זיינע ביכער מיינט אַבסאָלוט נישט שנאָרן, דער באַגריף איז אַ גרונט אויס פאַלשער און מוז מיט דער גרעסטער שטריינקייט צוריקגעוויזן ווערן; ווייל שנאָרן און פאַרקויפן זיינען צוויי ערליי זאַכן. „ווער עס שנאָרט דער פאַרקויפט נישט, און ווער ס'פאַרקויפט דער שנאָרט נישט"... אַליין פאַרקויפן זיינע ביכער מיינט אויך נישט זיין אַ קליינערער מיוחס ווי דער שרייבער וואָס זיינע ביכער ווערן פאַרקויפט, דערמיט ברייננט מען אויך נישט קיין שאָדן דער ליטעראַטור, מחמת נישט דער פאַרקויף איז משפּיע אויפן שרייבן, פּונקט אַזוי ווי דאָס שרייבן איז נישט משפּיע אויפן פאַרקויף.

פאַרוואָס דער יידישער שרייבער און די יידישע קולטור זיינען און ווערן דערנידריקט זיינען פאַראַן אַנדערע סיבות און טעמים ווי דאָס אויפזוכן זיך

אַ מעצענאַט זייערע ביכער אַרויסצוגעבן, און ווי די אַרויסגעגעבענע ביכער זיך אַליין צו פאַרקויפן — עס פעלן עלעמענטאַר שולן וואו מען זאָל לערנען אַכטן דאָס יידישע וואָרט און זיינע שרייבער, עס פעלן גוטע ליטעראַרישע זשורנאַלן וואָס זאָלן פלעגן דאָס יידישע וואָרט און די ליבע צו; שרייבער, עס פעלט אַ מאָדערנער קינסטלערישער יידישער טעאַטער וואָס זאָל ווייזן די רייכקייט און שיינקייט פון יידישן וואָרט; עס פעלט יידיש־קולטיווירטע אוידיטאָריע, אונדי דאָזיקע קען נאָר געשאַפן ווערן דורך אַ יידישער שול. מיטלען זיינען דאָ, די שאַפער וואָלטן אויך געווען, ס'פעלט נאָר דער גוטער ווילן...

---

פון י. ח. קלינגער.

# ראַמען ראָלאַן

(1945 — 1868)

אַ שמועס מיט די „פריינט פון יידישן לשון"
וועגן דעם גרויסן פראַנצויזישן דענקער.

איך האָב אין די לעצטע וואָכן געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען די נעקראָלאָגן וואָס זיינען דערשינען אין פאַרשידענע זשורנאַלן און ליטעראַרישע פעריאָדישע אויסגאַבעס אין יידיש אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אַרגענטינע, א.א. לענדער. איך וועל מיר דערלויבן צו זאָגן, אַז די דאָזיקע נעקראָלאָגן זיינען געווען געשריבן מיט האַרץ און באַציאונג, אָבער נישט מיט פאַקטן און נישט מיט דעם „עפּעס" וואָס זאָל באַווייזן, אַז די מחברים פון די אַרטיקלען זאָלן זיין קענער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און זאָלן באַהערשן דאָס וואָס איך וועל אָנרופן דעם ליטעראַריש־קעמפערישן גייסט פונעם 19־טן יאָרהונדערט אין פריינקרייך, וועלכער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַזאַ זייל ווי עס איז ראָמען ראָלאַן. אַ שאָד וואָס עס איז אַזוי.

איך וויל האָפן, אַז איך וועל האָבן אַמאָל אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן און אַרויסגעבן מיינע אָנגעהויבענע „לעקציעס וועגן ראָמען ראָלאַן און זיינע מיטקעמפער". דערווייל זייענדיק אַ זעלנער וועל איך, נישט האָבנדיק די נייטיקע מאַטעריאַלן אונטער דער האַנט, מיך באַמיען צו זאָגן עפּעס וועגן ר. ראָלאַן וואָס אַנדערע האָבן נישט געוואוסט אָדער נישט דערזאָגט אין זייערע דערשינענע אַרבעטן.

אַ מערקווירדיקע דערשיינונג איז למשל אָט דאָס: בעת אין אַלע מזרח און מערב אייראָפּייאישע לענדער, אַמשטאַרקסטן אין דייטשלאַנד (ביז 1933־!) און אין פוילן. איז ראָמען ראָלאַן געווען דער שטאָלץ פון דער דערוואַקסענער שול־יוגנט; בעת הונדערטער טויזנטער יידישע יונגעלייט און



מיידלעך פלעגן האַלטן מיט גרויס ליבע די איבערזעצונגען פון ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף" און אַנדערע פון זיינע אַרבעטן איז ר. ראָלאַן, ביי דער פראַנצויזישער יוגנד און אין די פראַנצויזישע מיטל־און הויך־שולן, כמעט געווען ווי אַן „אומבעקאַנטער דיכטער". איך געדענק אין 1931 ווען איך בין געווען סטודענט אויפן אוניווערזיטעט אין שטראַסבורג (עלזאַס) האָט אַ פּראָפעסאָר פון „מאָדערנער פראַנצויזישער ליטעראַטור פון 19־טן י.ה." זיך נישט לאַנג אָפּגעשטעלט אויף די ווערק פון ראָמען ראָלאַן און איז אים אַזוי צו זאָגן, נאָר פאַרבייגענגאַנגען. ביי דער דיסקוסיע האָב איך באַרירט די פראַגע ר.ר. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון אַן אוידיטאָריום פון העכער 500 סטודענטן, וועלכע פלעגן איבערפילן דעם אַמפיטעאַטער בעת דער דאָזיקער פּראָפעסאָר (פראַדין, אויב איך האָב נישט קיין טעות!) פלעגט האַלטן זיינע לעקציעס, זיינען געווען קוים אַ האַלבער מנין מענטשן וואָס האָבן געלייענט „זשאַן קריסטאָף". איך וויל נאָר דערמיט באַווייזן, אַז ביז דער „לעאָן בלום רעגירונג" אין 1936, איז נאָך דער נאָמען און אויך דאָס שאַפן פון ר. ר. געווען אין אַ צושטאַנד פון נישט וועלן אים דערמאַנען. אַן אַנדער קאַפּיטל זיינען ווידער די אַרטיקלען וואָס ראָלאַן האָט פאַרעפנטלעכט אין דער לינקער פּרעסע אין זיין היימלאַנד. אַליין איז ער, ביז בלום'ס קומען צום פּאָסטן פון פראַנצויזישן פּרעמיער מיניסטער און אויך נאָך ביזן אָנהויב יאָר 1937, געבליבן וואוינען אין זיין עיר־מקלט לעבן מאָנטרע, אין דער שווייץ. איך ווייס באמת נישט וואָס איז דאָ וויכטיקער צו באַמערקן וועגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן קעמפער און גלויביקער אין אַ וועלט פון ליבע, שיינקייט, אמת און יושר. ווען איך זאָל וועלן זאָגן, אַז עס וועט זיין ריכטיק צו באַרירן אַזאַ טעמע: „פון בעטהאָווען ביז ר. ראָלאַן" וועט עס פאָדערן אַן אַרבעט פון אַ באַזונדער ווערק אויף הונדערטער פון דרוק זייטן. איך וועל דערפאַר זאָגן אַ פּאָר געציילטע ווערטער וועגן אָט דער טעמע:

עס איז קיין חדוש נישט וואָס ראָמען ראָלאַן איז געווען איינער פון בעטהאָווענס לייזנשאַפטלעכסטער ביאָגראַף. ער האָט אים געווידמעט מערערע ביכער, וועלכע נעבן „זשאַן קריסטאָף" האָבן פאַרשטעלט דעם שיין פון אַנדרע זייער וויכטיקע ביכער זיינע, וועלכע — און מיט אונרעכט — זיינען ווי כמעט נישט באַקאַנט דעם ברייטערן לייענער קרייז, חוץ צו ספּעציאַליסטן. מוזיק איז, אין אַ געוויסער עפּאָכע פון זיין לעבן, געווען זיין הויפּטמאָטיוו אין זיין דענקען.

זיין „געשיכטע פון דער אָפּערא אין אייראָפּע פאַר לולי(1)", „אַ מוזיקאַלישע רייזע אינעם לאַנד פון אַמאָל", אָט די צוויי אַרבעטן זיינע זאָגן עדות וועגן עמאָציעס וואָס זיינען זער ווייט פון צו האָבן אין זיך די טרוקענע לאַנגווייליקייט פון אַ ספּעציאַליזירטן, און לייענען זיך ווי אַ ראָמאַן. — זיינע צוויי ביכער „מוזיקער פון אַמאָל" און „מוזיקער פון היינט" און זיינע ביכער וועגן „סקאַרלאַטטי" 2) און „הענדעל" 3) באַווייזן וויפל פאַרשטענדעניש

און געשמאַק ער האָט געהאַט פאַר דער מוזיק פון 17־טן און 18־טן י.ה. און באַווייזן אויך, אַז טראָץ זיין קולט פאַר בעטהאָווענען האָט ער נישט אָפּגעשטעלט די מוזיק ביי דעם איינציקן זשעני.

ראָמען ראָלאַן האָט דערהויבן די מוזיקאַלישע קריטיק ביז צו פילאָזאָפיע און מאָראַל. זיין גרויסער גייסט האָט אים דאָס געקענט דערלויבן. וויפל אנדערע זיינען נאָך ביי היינטיקער צייט פאַראַן וואָס זאָלן זיך קענען פאַרמעסטן צו אַזאַ דערגרייכונג? זיכער, אַז נאָר נאָך געציילטע יחידים.

* * *

מיט ראָמען ראָלאַן איז אַוועק פון אונז דער לעצטער רעפּרעזענטאַטיוו פונעם סוף נײַנצענטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט זיך, אַזוי פּאַראַדאָקסאַליש, פאַרלענגערט און אריינגעלעבט אין אונזער פאַרוואָלקנדיקן 20־טן יאָרהונדערט.

עס שטייט אָבער פאַר מיר אַ פראַגע, וועלכע ראָמען ראָלאַן האָט איבערגעלאָזט נישט פאַרענטפערט דאָס מיינט צו וויסן אויב ער האָט נאָך געגלויבט ביזן לעצטן מאָמענט, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז אַן ענין פאַר ליטעראַרישע טעמעס אָדער איז עס אונזער טראַגעדיע פון צוויי געחרובטע, ביז איצט דורות (דער דור פון 1900 און 1930.)? דעם 2־טן סעפּטעמבער, 1914 האָט ר. ר. אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיין סעריע אַרטיקלען וואָס זיינען געגאַנגען אַ יאָר צייט ביזן דערשיינען געזאַמלט אין אַ בוך־פאָרם א.נ. „איבערן קאָנפליקט" דעם 2־טן אויגוסט 1915, און וואָס האָבן אים פאַרשאַפט אַ היפּש ביסל צרות, ווייל עס האָבן נישט געפעלט קיין קריטיקער וואָס האָבן אים באַשולדיקט אַז זיינע אַרטיקלען האָבן גורם געווען אַ שטאַרקע דעמאָראַליזאַציע אין די היימפראָנט רייען. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז דאָ האָט מען צו טון מיט אַ מאַן וואָס איז אַ קנאי אַ פאַרברענטער גלויביקער אין אַן אידעאַל פון שיינקייט, מאָראַלישער דערהויבנקייט, אין דער שלמותדיקייט פון מענטש, אין דער סופּרעמאַטיע פון גייסט איבער מאַטעריע און אין אַ פינאַלן זיג פון יושר און גערעכטיקייט.

זיכער בלייבט פאַר אונז היינט אַן אָפענע פראַגע אויב ר. ר. איז געבליבן גערעכט פאַר דער געשיכטע. און אפשר איז דער ענטפער געווען טאַקע אין 1914 ווען ער האָט מיט אַזוי פיל פּאַטעטישער עלאָקווענץ אויפגעהויבן זיין שטימע איבער דעם געקלאַנג פון כלי־זין און צווישן אנדערע געזאָגט: „די מענטשהייט איז אַ סימפאָניע פון גרויסע קאָלעקטיווע גייסטער... גאָרנישט פון דעם וואָס מיר ליבן, משפחה, פריינט, פאָטערלאַנד, גאָרנישט פון דעם אַלעמען האָט נישט קיין רעכט איבערן גייסט. דער גייסט איז דאָס ליכט. מען איז מחויב צו דערהויבן דעם גייסט איבער די שטורעמס און צו דערווייטערן די וואָלקנס וואָס ווילן אים פאַרפינצטערן..."

טאָלסטאָי איז געווען איין רעוואָלאַציע אין זיין לעבן, וואַגנער איז געווען די אנדערע. דער ערשטער האָט אים גייסטיק דערנענטערט צום רוסישן, דער צווייטער — צום דייטשישן פאָלק. אָט די וואַגנערישע מוזיק שפּיגלט



זיך אָפּעט אין „זשאַן קריסטאָף" און דאָס וואָס ראָמען ראָלען האָט געפילט לאָזט ער עס זאָגן דורכן מויל פון זיין העלד אָליווער אין „לאַ מייזאָן":

„איך האָב ליב מיין טייער פריינקרייך, זאָגט אָליווער, אָבער צו קאָן איך צוליב איר פאַרגעסן מיין גלויבן. מיין נשמה? קאָן איך זיין אַ פאַרעטער פון מיין געוויסן?..."

אַזוי האָט ראָמען ראָלאַן געדענקט און געגלויבט נאָך אין 1912 בעת ר'האָט געגלויבט אין ענגער פאַרברידערונג צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד. אָבער צוויי יאָר שפּעטער קומט דער קריג פון 1914 און ראָלען ענדערט דערווייל נישט זיין אידעאַל און זיין גלויבן אינעם אינטעלעקטועלן דייטשלאַנד. לויט זיין מיינונג איז דאָ אַן אַנטינאָמיע, אַ קאָנטראַדיקציע צווישן דער פרייהייט פונעם מענטש און דער אַווטאָריטעט פונעם שטאַט. „דאָס פאָטערלאַנד — אַזוי מיינט ער — איז דער מאָנסטער, דער ספינקס וואָס פרעסט אויף אַ יעדע אינדיווידועלע פרייהייט ביי די דאָזיקע, וואָס זאָגן זיך אָפּעט צו דענקען ווי 40 מיליאָן מענטשן"...

געבליבן איז די פראַגע וואָס ראָמען ראָלאַן האָט נישט פאַרענטפערט פון 1914 ביז 1939 ווען ער האָט דערלעבט דעם צווייטן קריג מיט דייטשלאַנד.

און אפשר האָט דער אַלטיטשקער זיצנדיק, שוין אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן, איבער זיין „פעגי" 4) יאָ פאַרשטאַנען ווער דייטשלאַנד איז?

און צו פאַרענדיקן מיין דאָזיקן שמועס וועגן ר. ראָלאַן וויל איך נאָך דערמאַנען, ווי גרויס זיין פאַרערונג און באַציאונג איז געווען לגבי דעם לאַנד פון לעוו טאָלסטאָי: עס זיינען געווען צוויי באַרימטע שרייבער וועמען ראָלאַן האָט פראָטעזשירט און צו וועמען ער האָט געהאַט מער ווי אַ אינערלעכע באַציאונג. דער ערשטער איז פאַנאַאיט איסטראַטי, דער „רומענישער גאָרקי" ווי ראָלען האָט אים אָנגערופן און וועמענען ר. ראָלען האָט ארויסגעשלעפּט פון תהום פון מיזער און זעלבסטמאָרד. דער צווייטער וועמענען ר.ראָלען האָט שטאַרק געליבט איז געווען דער באַרימטער אנדרע זשיד, וועלכער לעבט אין פראַנקרייך, אין פּאַריז. אָבער ביידע האָט ער ארויסגעריסן פון זיינהאַרץ ווען זיי האָבן אָנגעריירט דעם כבוד פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד. ווער געדענקט דען נישט דעם פּראָטעסט בריוו וואָס ראָלען האָט פאַרעפנטלעכט קעגן אנדרע זשיד ווען עס איז דערשינען זיין בוך „צוריק פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד"? ראָמען ראָלען האָט זיך דערלויבט אים אָנצורופן „פאַרעטער פון הייליקע אידעאַלן" און ווען א. זשיד האָט שפּעטער געזוכט זיך צו פאַרטיידיקן און האָט ארויסגעגעבן זיין צווייט בוך „רעטושן", איז אָבער ביי ראָלענען אַלץ פאַרבליבן די מיינונג, אַז ער, זשיד, האָט גערינט לטובת דער רעאַקציע, די שונאים פון דעם „פאָטערלאַנד פון אַן אויפגייענדיקער שענערער וועלט פון יושר, גערעכטיקייט און מענטשן פאַרברידערונג."

ווער עס וויל נאָך בעסער פאַרשטיין ר. ראָלען ברויכט נאָר צו לייענען זיין אריינפיר־וואָרט צו גהאַנדי'ס „מיין לעבן".

ר. ר. איז געווען איינערפון די טרעגער פון „נאָבעלפּרייז". ער האָט זוכה געווען נאָך צו זעען דעם אָנהויב צעזאַמענברוך פונעם נאַציזם, די באַפרייאונג פון פראַנקרייך און איז געשטאָרבן אין ווענעליי נישט ווייט פון פּאַריז, אין עלטער פון 78 יאָר.

סטאַף־סערזשאַנט י. ח. קלינגער,
19. פּ.אָ.וו. האַפּפּענדראַן־קעמפּ.
דעם 5־טן אַפּריל, 1945.

---

1) י. ב. לולי, געב. 1632 — געשט. 1687. 2) סקאַרלאַטטי, געב. 1659 — געשט. 1725. 3) ג. פ. הענדעל, געב. 1685 — געשט. 1759.

4) שאַרל פּעגי, פראַנצויזישער שרייבער, געבוירן אין אָרלעאַן אין 1873, געשט. 1914. ער איז געווען אַ מיסטיקער און פּאַטריאָט. קורץ פאַרן אָפּשטאַרבן האָט ר. ר. פאַרענדיקט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן אים. „פּעגי" דרוקט זיך איצט אין פּאַריז.

אהרן גאלדבערג

# צום אנדענק דר. יעקב מאיר זאלקינד ז"ל

## IV. די גמרא אין יידיש. — און זיין פירוש און „אוצר שלם" פון די גרעסטע תלמודישע מפרשים און פוסקים

דר. י. מ. זאַלקינד האָט ביי זיין לעבן אַרויסגעגעבן פיר מסכתות אין יידיש. זיין ערשטע מסכתא ב ר כ ו ת איז דערשינען אין יאָר תרפ"ב. אין זיין סדר האָט ער זיך געהאַלטן לויט די ששה סדרי משנה — וואו ז ר ע י ם איז דער ערשטער סדר און ב ר כ ו ת די ערשטע מסכתא. אין דער ערשטער גמרא זיינער, ברכות, פעלט אינגאַנצן דער פנים פון דער משנה און גמרא; בלויז די איבערזעצונג פון פנים. אָבער מיט זעקס יאָר שפּעטער דערשיינט די צווייטע מסכתא — ריכטיקער משנה — פּ א ה (פאה אין בבלי האָט בכלל ניט גמרא, אַזוי אויך אַלע משנות פון זרעים); אין דער דאָזיקער מסכתא פּ א ה פאַרריכט ער דעם פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען אין ברכות — צוליב טעכנישע סבות — און גיט שוין דערפאַר אי די משנה און אי מנוקד. אין משך פון די נאָכפאָלגנדיקע פיר יאָר דערשיינען ווידער מסכתות ד מ א י און כ ל א י ם — די לעצטע דערשיינט אין יאָר תרצ"ב און איז גלייכצייטיק די מתוקנדיקסטע פון די פיער מסכתות וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין יידיש. מיר איז אויך באַקאַנט, אַז שביעית איז שוין כמעט געווען פאַרטיק ביי אים אין כתב־יד, אָבער ער האָט שוין נישט געהאַט די זכיה צו זען די פרוכט פון זיין איבערגעהאַקטע עבודה . . .



אין קורצן קען געזאָגט ווערן, אַז אין משך פון צען יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן פיר מסכתות. אָבער אין דער אמתן קען אַ העלפט פון די דאָזיקע צאָל יאָרן אַרונטערגערעכנט ווערן — פאַר אויספירן די עבודות פון זיין אַ מוכר־ספרים, פאַר שאַפן פראַנומעראַנטן און אַ סך אַנדערע זייטיקע מלאכות און עבודת־הפרך, וואָס ער האָט א י י נ ע ר אַ ל י י ן געמוזט אויספירן.

און געשריבן און צוגעגרייט אָט די גרעסטע יידישע ענציקלאָפּעדיע האָט ער נישט, ווי ס'וואָלט געפּאַסט סיי פאַר אים, סיי פאַר זיין פאָלק און סיי פאַר אַזאַ מלאכת הקודש: אין בית המדרש, אין אַ בית עם אָדער על כסא רבנות! געשריבן האָט ער זיין גמרא זייענדיק נע־ונד . . . ווי אַן אמתער פאַרוואָגלטער — טייל אין „ווייטשעפּעלער לייברערי", אין לאָנדאָנער ביבליאָטעק און אפילו אין פרעמדע הייזער, אין די שעהן פון חצות. ער האָט זיך וועגן דעם קיינמאָל נישט באַקלאָגט: דאָס מקריב זיין זיינע לעבנסבאַקוועמלעכקייטן פאַר זיין גרויסן אידעאַל איז געווען ביי אים אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ער האָט ווייזט אויס אין דעם זינען נאָכגעפאָלגט די תנאים רבי עקיבא, רבי שמעון בן יוחאי, הלל א.א.; ער האָט אָנגענומען אַלץ פאַר ליב, אַז אַזוי איז דער רצון פון גאָט. זיין ביטערקייט און תרעומות דערפילט זיך ערשט דעמאָלט, ווען ער זעט איין, אַז מען באַציט זיך צו דער גמרא אין יידיש פונקט אַזוי ווי צו עפּעס אַ „זשאַרגאָניש" בוך — נישט מער און נישט ווייניקער! . . . ער הויבט אָן איינזען, אַז נאָך צען יאָריקע קרבנות, נאָך פיר מסכתות, וואָס האָבן געדאָרפן מאַכן געשיכטע, און אַז ניט קוקנדיק, וואָס דאָס איז געווען דער ע ר ש ט ע ר און ג ע וו א ג ט ס ט ע ר פאַרזוך אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, האָט ער ביי זיין לעבן נישט געהאַט די זכיה און דעם פאַרדינטן שכר צו זען און הערן די מינדסטע סניגוריה איבער זיין שאַפונג. און איך מוז זיך אויך מודה זיין, אַז איך אַליין האָב ביז היינטצוטאָג נאָך ניט באַגעגנט קיין שום רעצענזיע, ערנסטע אָפּהאַנדלונג, אַ גוט אפילו שלעכט וואָרט, כמעט אַ שורה ניט איבער זיין לעבנסווערק—די גמרא אין יידיש; עפּעס ווי אַ שטילער חרם, וואָלט געלעגט געוואָרן אויף דעם מענטשן און אויף זיין עבודת הקודש; אַ חרם אויף דער יידישער שפּראַך, ווי אויך אויפן פשוטן יידישן מענטשן פאַר וועמען ער האָט זיינע מסכתות איבערזעצט.

און זאָל דאָ נאָך אַמאָל פאַרצייכנט ווערן דער פאַקט, אַז דר. ז. איז געווען דער ראשון! — און מיט זיין טויט, אפשר אויך דער אחרון! — וואָס איז געווען מסוגל און באַגאַבט מיט זיין למדנות און חריפות, ווי אויך קולטורעל און אַקאַדעמיש־וויסנשאַפטלעך אויסצופירן זיין מאָנומענטאַל ווערק, וואָס ער האָט אונטערגענומען איינער אַליין. און מען קען זאָגן, אַז ער איז געווען אויף דעם געביט אַ יחיד בדורו. מיר האָבן, נאַטירלעך, פאַרמאָגט פיל ביבלקריטיקער, חכמת־ישראל־געלערנטע כמעט אויף אַלע וועלטלעכע לשונות, נאָר אַזאַ פערזוך איבערצוזעצן די גמרא א י ן י י ד י ש, צו עפענען דעם גרעסטן יידישן פאָלקס־אוצר אויף דער שפּראַך פון פאָלק, דאָס האָט געוואַגט טון דער

פֿאָלקס־בוגטאַר און חכם פֿון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט — דר. י. מ. זאַלקינד. מיט זיין איבערשאַפֿן די גמרא אין דער יידישער שפּראַך האָט ער אויך געוואָלט זי אַרויסנעמען פֿון דער יאָרהונדערטער פּלפּול־סביבה; אַרויסשלעפּן פֿונעם חובשי בית־מדרש שימל און באַנקקוועטשעריי; פֿונעם יאָך און דעם אָבגעשלאָסענעם רשות פֿון רבנים, לומדים, לערנער און אז.וו., כדי די גמרא זאָל ווערן אַן אָפֿן ספֿר אויך פֿאַר די פּשוטע פֿאָלקסמאַסן, וועלכע זאָלן אויך קאָנען האָבן אַ צוטריט צו דעם גרויסן רעליגיעז־קולטורעלן פֿאָלקס־אוצר.

ס'איז אָן ספֿק, אַז כאָטש ז. האָט געלעבט און איז געשטאַנען אין פֿאָדערגרונט סיי אַלס געלערנטער, סיי אַלס פּאָליטישער־עקספּאָנענט; כאָטש ער האָט געגלויבט אין דער מאָדערנער יידישער וועלטלעכער און נאַציאָנאַלע באַוועגונג און אין די אידייעס פֿון פּאָרטשריט פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט ער פֿונדעסטוועגן אין דערזעלביקער צייט אויך, ווי אַ למדן און געלערנטער, אָנערקענט, אַז דער תלמוד איז ניט עפּעס אַ פֿאַרגענגלעכע קולטור־פֿאָרם פֿון יידישן פֿאָלק, איז ניט עפּעס אַ קולטור־מדרגה פֿון אַ געוויסער פּעריאָדע און צייט־אַלטער, נאָר, פֿאַרקערט, אַז ער איז דער קולטוס־און קוואַל פֿון יידישן געניוט — פֿאַר אַלע צייטן און פֿאַר אַלע דורות.

און דער מאָדערנער „פּומבדיתא־און יבנה"־געלערנטער, וואָס האָט גענומען אויף זיינע פּלייצעס אַזאַ גייסטיקע שווערע אויפֿגאַבע, אָט דער לאַנדאָנער ווייטשעפּעלער ייד, מיט זיינע אייראָפּעאישע און פֿרייערע קולטור־אַנשויאונגען און אידייעס, אַ חוץ וואָס ער איז געווען מסוגל דערצו, האָט אויך פֿאַרמאָגט די ליבע צו זיין פֿאָלק, צו זיין שפּראַך און דעם כוח, וויסן און פֿעאיקייט איבערצושאַפֿן דעם תלמוד אין יידיש, פּונקט ווי ס'איז בשעתו געווען מסוגל און פֿאַרמאָגט דעם גייסטיקן כוח דער רמב"ם צו שאַפֿן דעם „יד החזקה". וועגן דער דאָזיקער סגולה און איבערהויפּט וועגן דער גייסטיקער „שליחות" זיינער, אין דער דאָזיקער „זשאַרגאָנישער" עבודה, וועלן מיר לאָזן ריידן דעם מחבר אין זיין לשון:

„איך האָב נישט גענוג גערטער צו דאַנקן דעם גאָט פֿון ישראל דערפֿאַר וואָס ער האָט מיך געפֿונען פֿאַר ווירדיק אָנצוטרויען מיר אַזאַ הייליקער הגם שווערער מיסיע, די מיסיע צו פֿאַרשפּרייטן זיין הייליק וואָרט צווישן די ברייטע שיכטן פֿון זיין פֿאָלק און עפֿענען פֿאַר זיי דעם לעבנסקוואַל פֿון וועלכן אַ הונדערט דורות יידן האָבן געשעפּט אמתע לעבנסווייזהייט און כחות פֿון ריזן. איך האָב דערהערט זיין קול אין דעם מדבר פֿון אונזער מאָדערנעם יידישן לעבן און דערפֿילנדיק אויף די ליפּן דעם ברען פֿון זיין הייליקן פֿייער האָב איך, ווי דער זון פֿון אמוץ בשעתו, געענטפֿערט: „הנני שלחני!" איך ווייס אַז איך בין צו קליין צו האָבן פֿאַרדינט אַזאַ חסד און אַזאַ גליק; דערפֿאַר טאַקי איז אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין ז י י ן רצון צו ערהאַלטן אין מיר בקדושה ובטהרה די נשמה וועלכע ער האָט אין מיר אַריינגעבלאָזן, וועל איך ניט אויפֿהערן צו שרייבן און פֿאַרעפֿענטלעכן איין מסכתא נאָך דער אַנדערער און



אפֿילו ניט מיד ווערן, — און ער, דער יודע מחשבות, ווייס וואָס פֿאַר אַ שווערער קרבן דאָס איז פֿאַר אַ מענטשן מיט אַביסל זעלבסטווירדע און יחוס־שטאָלץ!" — — — —

און זאָל מען דאָ נישט מאַכן קיין טעות: זאַלקינד איז נישט געווען קיין רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדיסט; ער איז אויך נישט געווען קיין פֿאָלקס־מוכיח; ער האָט בלויז געגלויבט און אויך ביי זיין לעבן אויסגעדריקט אָט דעם דאָזיקן גלויבן, מער בצנעא, אַז די גמרא, אָט דאָס ספֿר פֿון דער הלכה־אגדה־מדרש, אָט דאָס ווערק פֿון יידישן געניוס — וואָס איז דער יסוד פֿון זיין פֿאָלק און זיין אמונה; אַז אָט די משנה און גמרא — בבלי־וירושלמי — איז נישט בלויז אַ רעליגיאָנס־ספֿר, נאָר איז דער קולטור־אוצר פֿון דורות פֿאָלקיסטישן לעבן, שאַפֿן און דענקן; דאָס בוך פֿון אַלע קונסטן און אופֿנים אין לעבן פֿון דורות און דורות — לדור דורות; און ער איז געוואָרן דער מפֿרש פֿון דעם גרויסן אוצר; דער יידישער בעל־התוספֿות פֿון דער „ענציקלאָפּעדיע". אין שאַפֿן די גמרא אין יידיש האָט זיין גרויס בקיאות געשטראָמט כמעין המתגבר; סיי פֿיזיש, סיי גייסטיק איז דאָס געווען אַן עבודה ניט פֿאַר איין מענטשן, נאָר אַן עבודה פֿאַר „שבעים" — פֿאַר אַ קליינעם סנהדרין. . .

אַ חוץ דער ריינער ווערטערלעכער איבערזעצונג פֿון דער משנה איז זיין פּ י ר ו ש אַ גרויסע דערפֿינדונג אויף פֿאַרשידענע געביטן: ס'איז אַ תלמודישער „קאָמפּענדיום" (אוצר־השלם) פֿון אַלע גרעסטע תלמודישע מפֿרשים. זיין בקיאות און כוח־הזכרון ק ו ל ט צו זיין און צו באַהעפֿטן אויף איין דף איבער איין סוגיא, אַן הלכה, ווי ס'זיינען פֿאַראַן פֿאַרשידענע גירסאות, חלוקי־דעות און מיינונגען פֿון די אָנערקענטסטע תלמודישע מפֿרשים, זייערע פּשטן און אָנווענדונגען איז אפֿילו פֿאַרן לערנער מער ווי אַ פּירוש. אין זיין פּירוש־משנה גייען דורך „קליידיסקאָפּיק" די עלטסטע מפֿרשים און בעלי־תוספֿות ביז די מאָדערנסטע און דעריבער איז זיין פּירוש אַ גרויס געווינס אפֿילו פֿאַרן למדן און וואויל־לערנער — וועלכער געפֿינט אויף איין דף פֿון דער משנה טיילמאָל, בערך, צוואַנציג פֿון די גרעסטע מפֿרשים, בעלי־תוספֿות און פּוסקים, אָן צו זוכן און אָפּלייגן קופּעס מיט ספֿרים אַרום זיך ווען עוסק־זייענדיק אין לערנען. מען דערקענט אויך אין זיין פּירוש מער דעם בעל מדרש און בעל מחדש. דעם פּשוטן לייענער ווידער עפֿענט ער דעם מוח און די אויגן אויפֿן גרויסן סוד, דעם גרויסן פֿאַרשלאָסענעם בוך פֿון דורות, וואָס רופֿט זיך גמרא־לערנען; דער ספֿר, אין וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט געקענט אַריינקוקן, וועגן וועלכן ער האָט אַזויפֿיל געהערט, אַזוי פֿיל דרך ארץ און יראת הכבוד. איצטער קען ער אַליין אָנטאַפּן און לייענען ווערטער פֿון די תנאים, אמוראים, סבוראים און פּוסקים, אָט די הונדערטער מפֿרשים, פּירושים וביאורים וואָס זיינען אָנגעוואַקסן אויף דעם ספֿר אין משך פֿון הונדערטער יאָרן. אמת, ס'איז זער שווער און האַמעטנע פֿאַר אַ פּשוטן מענטשן צו פֿאַרשטיין די טיפֿע טיפֿענישן און טיילמאָל האָר־שפּליטנדיקע שקליא וטריאס, ד. ה. די

חלוקי־דעות, וויכוחים און טעמים פאַר זייערע מיינונגען; אָבער ס'ווערט דאָך דעם לייענער עפּעס ליכטיקער אין די אויגן און אין מוח, און גרעסער וואַקסט דער כבוד צום גרויסן בוך ווען מיר לייענען דאָס אַלץ אין יידיש! —

אינטערעסאַנט און ווי אַן אָפּוועקסלונג פאַרן מוח זיינען די קורצע ביאָגראַפיש־געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונגען, וואָס מען געפינט גלייך אויפן אָרט פון דער סוגיא, ווען אַ תנא פון דער משנה ווערט דערמאָנט. דאָס איז אַן אויפטו וואָס איז זער אָנציענד; דורך דעם דערפילט מען ווי די הלכה און אגדה ווערן איין שטיק, איין גאַנצעס — און די בילדער און כאַראַקטעריסטיקס פון די תנאים שטאַרקן דעם כוח פון דער גמרא, אַחוץ וואָס דאָס איז אַן אָפּוועקסלונג פאַרן לייענער און פאַר דער פאַנטאַזיע, וואָס האָט ליב די פאָלקסטימלעכע מעשה — נאָך אַ שווערער משנה אָדער סוגיא.

מיר איז באַקאַנט, אַז ז. האָט אויך געהאַט אַ נאַציאָנאַלן מאָטיוו אין איבערזעצן דעם ערשטן סדר פון דער גמרא — זרעים. אין די דערמאָנטע מסכתות האַנדלט זיך אויסשליסלעך וועגן די זעקס מתנות עניים פון דער תורה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט און לאַנד־געזעצן. דאָרט ווערן באַהאַנדעלט די דינים און הלכות פון מעשר עני אין זייערע באַזונדערע פאָרמען: לקט שכחה פאה א.א. און די פאַרשידענע תרומות ומעשרות א.אז.וו. ז. וואָס האָט געגלויבט אין קיום פון יידישן פאָלק און אין דער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג פון פאַלעסטינע, צוזאַמען מיט די יידישע פאָלקס־טראַדיציעס און מנהגים פון דער תורה, האָט אין די מסכתות פון זרעים באמתן אויפסניי דערזען דאָס יידישע לאַנד, די ערד און לאַנדווירטשאַפט, דעם פויער אויפן פעלד מיטן אַקעראייזן; די תבואות אין שייער און די ווינטריבן אין יקב; ער האָט אָן ספק געגלויבט און געהאָפט, אַז ווידער אַמאָל, כשנים קדמוניות, וועלן אויפלעבן די שמיטות און יובלות אין א"י, ווידער וועלן יידישע אָרימע מענטשן, אָן לאַנד, גייען קלויבן לקט שכחה און פאה אויף די יידישע פעלדער און גערטנער — — און ניט קיין וואונדער, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג, אַז: דערווייטערנדיק זיך אינגאַנצן פון תלמודישן תוכן, פון דער גמרא, ווערן מיר אַלץ מער אָפּגעריסן פון די לעבעדיקסטע און זאַפּטיקסטע יסודות פון אונזער פאָלקס־געניוס, און דערפאַר האָט ער אַזוי שטאַרק, כמעט זיך מקריב געווען, אַז אָט דער ספר זאָל ווערן דאָס אָפענע בוך פון גאַנצן פאָלק — און איבערצוזעצן די גמרא אויף דער שפּראַך איז געוואָרן זיין איינציקע לעבנסאויפגאַבע ביזן טויט.





## דוד זיידנפעלד

(פון דער סעריע לאָנדאָנער „יונגע")

2

דוד זיידנפעלד געהערט צו דער לאָנדאָנער גרופּע „יונגע" שרייבער, וועלכער איז געווען א דירעקטער נאָכפאָלגער פון זיינע ברידער־קאָלעגן (אין א קלענערן מאסשטאב). אָט יענע „יונגע" פון אמעריקע פון יענער צייט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די דיכטער לייעלעס, זישע לאנדא, לייוויק, ש. האלפערן, מאַנע לייב, און אזוי ווייטער. זיי זיינען עס געווען די מאָדערניסטן אין דער נייער יידישער פּאעזיע, וועלכע האָבן אפשר גאנץ אונבאוואוסטזיניק ארייגעפירט אין זייערע שאפונגען די אלע איזעמס, וועלכע זיינען שפּעטער ארויסגעשווימען אלס קולטן, שולעס און ריכטונגען, ווי „אימפרעסיאָניזם", „קוביזם", „עקספּרעסיאָניזם", און פון זיי דער שפּעטערדיקער ממזר—„סוראליזם", וועלכער האָט שוין מיט זיין צעשטרייטקייט ארויסגערופן פארדאכט פון אוואנטורע און זינענלאָזעקייט... ער האָט אָבער לאנג נישט געלעבט...

איך דערמאָן דאָס דאָ, ווייל אונזער אייגענער דוד זיידנפעלד האָט זיך שוין אפילו אין יענער צייט, מיט גענוי 28 יאָר צוריק, באוויזן מיט א בינטל סימפּטאָמען (סיי אין זיין דיכטן און סיי אין זיין צייכנען) אין וועלכע עס זיינען געווען פארקערפּערט אָט די אלע אויסגערעכנטע איזעמס אָבער צו זיין קרעדיט מיט א שיינע און עסטעטישע ראפינירטקייט.

זיידנפעלד אין פארגלייך צו סאלאמאָן, איז טיילווייז געווען ווי זיינער א צווילינגס-ברודער, אָבער נאָר אויף אזוי פיל, אויף ווי ווייט עס האָט געהאט א שייכות צו פאָרמע און געשטאלטונג, און גאנץ אָפּט אינם אויסוואל פון מאָטיוו, אָבער וואָס נוגע כאראקטער, האָבן זיי זיך צעטיילט ווי צוויי באזונדערע בערג מיט צוויי באזונדערע הויכן.

סאלאָמאָן א שטיינער האָט געקענט זיך אויפהויבן אין זיינע אייגענע פּאָעטישע ראמען מיט זיינע וויזיעס און אויסלעבן זיך אין זיי גאנץ איבערצייגנד, ווייל ער אליין האָט געגלויבט אין די וויזיעס זיינע, וועלכע ער האָט געזען איבער זיך און דאָס איז שוין פאר א קינסטלער און זיין שאפונג א דערגרייכונג, ווייל צום ערשט מוז מען אליין גלויבן...

אַנדערש איז אָבער געווען דוד זיידנפעלד. ער איז שוין געווען צו פיל ערדיש און מיט אלע קאָמפּלעקסן וואָס א ערדישער מענטש באזיצט: אים האָט מען שוין געקענט זען טראטעווען מיט פעסטע טריט און מיט איינגעגראָבענע קנאפל אין דער ערד ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט א קוים־זעבאר סארדאָניש שמייכעלע ווען לעבן האָט אים דערצו פּראָוועצירט. און נישט איינמאָל האָט זיך אויסגעדאכט ווי עפּעס א לצ'ל אין קורצע רויטע מייטקעס מיט פיר־קאנטיקע געלע לאטעס אויפן געזיים און מיטן דאשיק אויף א זייט,

שטייט אויף דעם העכסטן שפּיץ דאַך און ווייזט אַ „קאַזע־פּייף” די וואָלקענס, וועלכע זיינען אים אין געאיילעניש פאַרביי . . .

אָט דער איינדרוק מער פון אַלץ האָט אים אָפּטמאָל באַרעכטיקט זיין צעכראַסטעטקייט אין זיין זינגען, וועלכעס האָט אין זיך געהאַט סיי די פאַרשייטקייט און סיי דעם חן פון אַ קנדס וואָס קריכט אויף שפּיץ־דעכער.

און אָט ווי ער האָט געזונגען:—

און די זון איז נאָך נישטאָ
און קיין נאַכט איז לאַנג נישט מער:
ליגט פאַרשלאָפן ערגעץ וואו
אין אַ שטאַל אַ פּעטע קו:
שטייט פאַרגולסט ערגעץ וואו
אין דעם וואַלד אַ דינער בוים,
גלאַצט ער ערגעץ ווייט אַוועק
וואו אַ האָן קרייט און וועקט...
קומט צו גיין אַ גרויסער מענטש,
צען מאָל גרעסער פון דעם בוים
פון אַ אומבאַקאַנטן לאַנד, —
האַלט אַ בעזים אין זיין האַנט;
פליען אַלע פייגל הויך
און די טאָלן שוויגן שטיל;
גיט די לאָנקע לייכט אַ זיפץ
און אַ וואָלקן ציינער־קריצט...

און ווייטער:—

פליען אַלע פייגל הויך
געניצט ערגעץ וואו אַ מענטש
און עס בילן שוין די הינט:
פון אַ רינשטאָק ערגעץ רינט
פון אַ שטעטל ערגעץ וואו...

נו, וואָלט זיך עס אפשר געקענט אויסדאַכטן, אַז דער דיכטער דוד זיידנפעלד האָט מער נישט געהאַט אויף זיין קאָפּ ווי :— אַ קו וואָס איז פעט, אַ האָן וואָס קרייט, פייגל, וועלכע פליען הויך, וואָלקנס וועלכע קריצן מיט די ציינער און הינט וואָס בילן און אַ רינשטאָק וואָס האָט פונקציעס—ער רינט... האָ? איז עס טאַקע נישט אַזוי אינגאַנצן, ווייל אַ מענטש מיט קאָמפּלעקסן קומט צום אויסדרוק אין פאָרמען גאַנץ אומדערוואַרטעט.

אפילו אין געוויינלעכן לעבן, באַגעגנען מיר מענטשן, וועלכע וועלנדיק באַהאַלטן אינערלעכע עמאָציעס, קערן זיי זיך קאָזשעלעך, זינגען הויך אויף פאַלשע טענער און צעלאַכן זיך מיט גאַל ווען זיי ווילן גאָר וויינען, און אַז אַלץ איז שוין אָבגעטאָן ערשט דעמאָלט פאַרקלייבט מען זיך אין אייגענע דלד אמות און מען וויינט זיך גוט אויס און שפּעטער ווערט אַלץ שטיל און



געמיטלעך אויפן האַרצן און מען הויבט אָן אפילו זינגען מיט עכט מענטשלעכע טענער און דיכטערישע עמפינדלעכקייט ווי : —

אין שעהן פון רחמים ווען ס'שפּילט זיך די זון
מיט קינדערשע וואָלקנס אין ראָזיגן בעט,
רייס איך אַ ציטערדיק בלימל פון האַרץ,
וואַרף עס אין גליענדן מערב אַוועק.
אין שעהן פון אומעט ווען ס'פלאַטערט אַ טויב
אַ ווייסע, צום רויטלעכן הימל אַרויף,
פאַלט אין מיין בוזעם אַ שטאַרבענדער טרער —
ז'ס'וואַרט שוין ס'זאָל קומען דער פינסטערער סוף...
אין שעהן פון גסיסה ווען ס'פאַרבט זיך אויף רויט
מיין פענסטער, פון לעצטן זון־פייער באַהעלט,
זע איך אין חלום אַ וויינענדע פרוי,
אַ טונקעלער שלייער איר פנים פאַרשטעלט.

אַזוי רעגירט זיידנפעלד איבער זיינע קאָמפּלעקסן און נישט די קאָמפּלעקסן רעגירן איבער אים. ער ווערט דער מייסטער איבער זיין אייגענע עסטעטישע עמפינדלעכקייט, און ווי דער געניטער דעריזשאַר מיט זיין באַטאָן, אַזוי קאָמאַנדירט ער איבער קעץ, הינט, וואָלקנס און פייגל, ביז ער אַליין רעוואָלטירט. דעמאָלט הויבט זיך דער פאָרהאַנג פון איבער אַ דורכזיכטיגן פענסטער . . .

אַזוי דערזען מיר אַ דיכטערס נאַקעטע סענסיוועטעט, פול מיט פאַטאָס און רייך־האַרמאָנישן ריטם. ער וואַקסט פלוצים אויס ווי אַ זקן, אַזוי פיל קאָנטראַסטיש צו יענעם שטיפערישן לצ'ג מיט די רויטע מייטקעס און געלע פיר־קאַנטיקע לאַטעס, מיטן דאַשיק אויף אַ זייט, ווייזנדיק אַ קאַזע־פּייף די פאַרביישוועבנדע וואָלקנס, שטייענדיק אויפן שפּיץ דאַך...

## דריי וויכטיקע נאָטיצן

### 1. יידיש ־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס און „פריינט פון . . יידיש לשון”.

עס איז נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פון די אַלע חשובע און וויכטיקע געסט, וואָס זיינען אָנגעקומען מכל תפוצות ישראל צו דער ציוניסטישער וועלט־קאָנפערענץ און יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָבן מיר געמאַכט אַ שבתדיקן קבלת־פנים לכבוד חבר זרובבל — פאַר דעם ריטערלעכן קעמפער פאַר יידיש אין ארץ־ישראל. סיי דער עולם, וואָס איז געקומען הערן דעם גאַסט און סיי די רעדנער, האָבן געפילט דעם דערהויבענעם מאָמענט צו זיין מיט חבר זרובבל די פאַר שעה צוזאַמען הן ביי זיין רעפעראַט, הן ביי אַ גלעזל־טיי און ועל כולם צו הערן זיין באַגייסטערטן גרוס פון ארץ־ישראל.

פאַר די דעלעגאַציע פון פוילן, וועלכע זיינען געקומען צום יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָבן מיר צוזאַמען מיטן קולטור־קלוב און מיטן „פאַרבאַנד בירגער

פון פוילן, יידישע סעקציע", איינגעאָרדענט אַ גרויסן מאַסן־פאַרזאַמלונג, בכדי די יידישע מאַסן פון ווייטשעפּל זאָלן אויך האָבן די מעגלעכקייט צו הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון פוילן און זיך צו קענען זען פּנים אל פּנים מיט לעבנ־דיק געבליבענע יידן פון דער היים. ס׳זיינען געווען זער רירענד די פּאָר שעה, וואָס מיר האָבן די געסט געהאַט ביי אונז דאָ אין ווייטשעפּל. נאָך דער גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג איז אויך געווען אַ באַנקעט לכבוד די חשובע געסט אין יידישן קולטור־קלוב.

## 2. די „יידיש־העפטלעך" און דער פאַרלאַג „אררט"

די חברים פון דער פּוילישער דעלעגאַציע, די רעדאַקציע פון „ניי־לעבן" האָט מיטבאַקומען אַ מתנה, אַ דאַנק די אומערמידלעכער אַקטיוויקייט פון זייער רעדאַקציע־מיטגליד ח׳ עלבערג, דרייערליי סאָרטן יידישע שריפט (מאַטריצן), כדי צו דערמעגלעכן אַז זייער וואַכנצייטונג דאָס „נייע לעבן" זאָל בקרוב ווערן אַ טעגלעכע ציישונג, און אויך ווערן דער אָנהויב פון אַ יידישן פאַרלאַג. פאַר די „יידיש־העפטלעך", וועלכע פייערן מיט דעם נומער דעם פינפטן יאָר פון זייער עקזיסטענץ, איז עס אַ גרויסע זכיה און פרייד צו זיין באַטייליקט אין דער מתנה: צו העלפן ברידערלעך אַ ברידער־זשורנאַל אין פוילן. דאָס זעלבע זאָל אויך געזאָגט ווערן וועגן פאַרלאַג „אררט" — די געברידער בן־ציון און אלכסנדר מרגליות, וועלכע האָבן אויך זוכה געווען צו באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער מתנה. זאָל אויך אויסגעדריקט ווערן אַ דאַנק דעם פערלאַג נאַראָדיצקי פאַר זייער הילף בנוגע דעם וויכטיקן ענין.

## 3. משה עובד א בן ששים

הייַנטיקן חודש ווערט דער דיכטער משה עובד, דער פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון" אַלט זעכציק יאָר. און די פייערונג איז אַ דריי־גאַרנ־דיקע. ראשית, איז עובד אַקאָרשט איבערגעקומען אַ שווערע אָפּעראַציע און געבליבן לעבן כדי ווייטער אָנצוגיין מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט און גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט. והשנית, ווערט די טעג דערשיינען עובדס אַ ניי בוך „אין חדר אריין", וועלכעס איז אָן שום ספק אַ שטאַפּל העכער אין זיין דיכטונג. באריכות איבער משה עובדס לעבנס־אַרבעט אין קומענדיקן העפטל.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

אין די גרענד פּאַליי, קאָמערשעל רויד, א.—3 אַזייגער.

שבת, דעם ערשטן סעפּטעמבער, וועט שלמה אוירבאַך האַלטן אַ רע־פעראַט „ימים־נוראים און יידישע יום־טובים". מען וועט פאַרלייענען און דעקלאַמירן איבער די יידישע קלאַסיקער, געשריבן איבער דער דאָזיקער טעמע.

דעם 22־טן סעפּטעמבער, די פייערונג פון דיכטער משה עובדן, דער פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון".

דעם 29־טן סעפּ., די טראַדיציאָנעלע שמחת־תורה פייערונג.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סטריט, א.1.
**פּרייז -/1.**



# דעם דיכטער פון „יידיש"

## משה עובדן צו זיין יובילעאום און צום דערשיינען פון זיין נייעם בוך „אין חדר אריין"

• • •

אויב אַ פאָלק איז נישט מער בכוח צו באַשאַפן ווי אַ לייב אונטער גראָ־טעס דאָס אַרבע־אַמותדיקע שטיקל שטח אונטער זיינע פיס, מיטן ציטער פון זיין שווערן טראָט; אויב ס׳קאָן נישט מער אויספילן די לײדיקייטן, וואָס רינגלען עס אַרום, מיטן הויך פון אייגענעם אָטעם — מוז עס אונטערגיין! עס ווערט פאַרשלונגען פונם וואַקאום — — —

און ווי געוואַלטיק די ראַנגלענישן זיינע זאָלן נישט זיין, ווי העראָאיש זיין אָנשטרענגונג, עס איז נישט מער ווי דער גסיסה־צאַפּל פאַר יציאת־נשמה.

אַז דער אָדלער הערט נישט מער דעם פאָך פון זיינע אייגענע פליגלען, בלייבט ער שטיין אַ דערשראָקענער אינמיטן זיין פלי, און ער פאַלט אַראָפּ צווישן די פעלזן אַ צעשמעטערטער. און דאָס־אַ איז נאָך דאָס מאַיעסטעטישע אין זיין אָדלעריש־לעצטן הימל־געפלאַטער.

שפּעריש וואַרט און אינערלעך געפיל, אויב זיי זיינען נישט אָדורכגע־קנאָטן מיט די דלד־אַמותדיקייט פון אייגענעם שפּאַנענדיקן טראָט, אויב זיי זיינען נישט אָטמאָספּעריש באַאָטעמט מיט ווייעדיקן אַרום, איז עס הויל און פּוסט, איז עס לויערנדיקע ליידיקייט. זיי זיינען ווערעמדיקע קנאַק־ניסלעך, וואָס די פּוסטקייט און דער שימל פייפט פון זיי אַרויס.

אויב יידישקייט וואָלט באמת נאָר געווען דאָס ביסעלע רעליגיעזע אָפּיום, דעם גסיסה־צאַפּל אונזערן אויף אַ קורצער ווייל בלויז צו פאַרלענגערן, וואָלט אונזער גאַנצער קולט קוים נאָך געסטאַיעט, פאַר אָן אַריענטאַליש־וואָונ־דערלעכע לויה־צערעמאָניע . . . און די דלד־אמות אונטער די פיס — דער קבֿרן העכסטנס נאָך, וואָלט געבליבן שטיין דערויף די מי פון אונזער עבר, דער פה־נטמן מאָנומענט, נאָך אונזער וואונדערלעכן אַמאָל.

אָבער וויפיל מ׳זאָל נישט שפּעטער די האַלב־אָפּגעמעקטע הערגליפן ענטציפערן, וויפיל מ׳זאָל נישט די פּיראַמידן־ווינקלען דערפאָרשן, און וויפ־ויפיל מ׳זאָל נישט ענטציקט ווערן פון די וואונדערלעכע סאַרקאָפאַג־רעליעפן, די ליידיקייטן ווערן אויף אַ רגע נישט אויסגעפילט דערמיט — העכסטנס די פּוסטע לאַנגווייליקייט פון אַ ליידיקגייער אַ טוריסט!

און אין אַלע מוזעאומס פון דער וועלט איז נאָך קיין איין מומיע נישט צוריק אויפגעשטאַנען מיט אַ שליחות פאַרן מענטש, מיט אַ נייער ענטפּלעקונג פאַר דער וועלט.

און וואָלטן דען די שאַפונגען פון אונזער אַלטן און נאָענטן עבר געווען אָציינד נאָך מער פאַר אונז ווי נישט פאַרשטאַנענע האַלב־אָפּגעמעקטע הערא־גליפן, ווי קוים אַרויסשטאַרנדיקע פּיראַמידן, פאַרוויאַטע פון ווילדע זאַמדן?